YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv03i44

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 3 Issue 44
October 1921

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 3, Iss. 44)

Keywords
International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments
Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/72

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

בצדקתי החזקתי ולא ארפת. (איוב, כ"ז, 6). אז מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

גערעכטיגקייט

ארביימער פון אלע לענדער, פאראיי־ניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. III. No. 44. New York, Friday, October 28, 1921. פרייטאג דעם 28טען אקטאבער, 1921 PRICE 3 CENTS

די „פראטעקטיוו אסס'ן" וויל צוריק שטיק-ארבייט!

אויף א מיטינג אין וואלדארף אסטאריא, דינסטאג אווענט באשליסען זיי איינצופיהרען שטיק־ארבייט, קלענערע שכירות און א לענגערע ארבייטס־וואך. — וואס וועלען ענטפערען די קלאוקמאכער? — זיי האבען שוין וועגען דעם גאר ניט וואס צו זאגען? — פרעגט פרעזידענט שלעזינגער. — זאלען די קלאוקמאכער אין די שעפער זיין גאנץ רוהיג. — זיי וועלען האבען צו זאגען דאס לעצטע ווארט.

די קלאוק מאנופעקטשורערס פראטעק־טיוו אסאסיאיישאן האט אפגעהאלטען א מיטינג אין וואלדארף־אסטאריא דינס־טאג אווענט, דעם 25טען אקטאבער, און אויף דעם מיטינג איז איינשטימיג אנ־גענומען געווארען א באשלוס, צוריק איינ־צופיהרען שטיק ארבייט, צו פארקלענע־רען די שכירות און צו פארלענגערען די ארבייטס־וואך.

דער חשבון איז א ריכטיגער: אז די קלאוקמאכער וועלען ארבייטען פון שטיק פאר בילינערע פרייזען און זיי וועלען אר־בייטען לאנגע שטונדען, וועלען די ארביי־טער אויסגעריסען ווערען און די באסעס וועלען זיך אנשיטען די קעשענעס מיט מעהר געלט ווי איצטער! זיי האבען אבער פארגעסען, אז די ארבייטער האבען אויך א שטיקעל דעה, און זייער דעה וועט לען זיי באלד לאזען הערען די באלעבא־טים.

דער מיטינג פון די באסעס דינסטאג אווענט מיט דעם באשלוס איז, ווי עס שיינט, א רעזולטאט פון א קאנפערענץ וואס איז לעצטע וואך אפגעהאלטען גע־ווארען.

לעצטען פרייטאג און שבת איז אין אטלאנטיק סיטי אפגעהאלטען געווארען א קאנפערענץ פון פארטרעטער פון די פאר־שידענע אסאסיאיישאנס פון קלאוק מא־נופעקטשורערס איבער'ן לאנד. ווי עס שיינט, איז דער קאנפערענץ איינגערופען געווארען דורך דער איניציאטיווע פון דער פראטעקטיוו אסס'ן אין ניו יארק, און דער הויפט פונקט אויפ'ן טאגעסארדנונג איז געוועזען: „ראדיקאל צו ענדערען די אר־בייטס־באדינגונגען אין דער אינדוסטריע."

דער קאנפערענץ אין אטלאנטיק סיטי האט זיך גענענדיגט מיט דעם, וואס עס איז געשאפען געווארען „א פעדעראציע" פון די קלאוק מאנופעקטשורערס אססא־סיאיישאנס וואס געפינען זיך אין אמערי־קא און קענעדע. און ווי דער שטיינער איז, האט דער קאנפערענץ אויך אנגענומען א רעזאלוציע.

אין דער רעזאלוציע ווערט געזאגט, אז אין דער אינדוסטריע זיינען דא גרויסע „איבלען". פארשטעהט זיך, אז ווען די באסעס רעדען פון „איבלען" אין אן אינ־דוסטריע, מיינען זיי ניט דיזעלביגע איב־לען, וואס ארבייטער און זייערע יוניאנס זעהען אין אן אינדוסטרי. אפט איז דאס פארקעהרט. וואס די באלעבאטים רו־פען אן „איבלען", איז עס גאר פאר די ארבייטער מעלות. אלענפאלס, אין דער רעזאלוציע ווערט בעזאגט, אז די גאנצע

אינדוסטריע ליידעט פון „איבלען"... סיי ביים פארקויפען און סיי ביים פראדוצי־רען, ביים מאנופעקטשורען, זיינען דא איבלען. דאס לעצטע קאן מען זיך פאר־שטעלען, אז מען מיינט דא די יוניאן קאנדישאנס. אום אפצושאפען די איב־לען, זאגט די רעזאלוציע, מוז מען האבען אן אלגעמיינע ארגאניזאציע פון אלע אסאסיאיישאנס.

אלזא, דער באשלוס פון דעם מיטינג

(שלוס אויף זייט 2).

לאקאל 50 גיט טויזענד דאלאר צום אינטערנע־שאנאל רעליף פאנד

פון דער גרויסער סלעק אין אונזערע טריידס האבען גאר א סך געליטען די מיטגלידער פון דער טשילדרענס דרעס־מאכער יוניאן, לאקאל 50. א חוץ דעם איז די יוניאן ניט פון אונזערע גרויסע לאקאל יוניאנס. דאך אבער, האט ברודער ה. גרינבערג, דער מענעדזשער פון דעם לאקאל, די וואך געבראכט אין אפיס פון דער אינטערנעשאנאל א טשעק פאר טויזענט דאלאר, פון די ערשטע קאלעק־שאנס פון די טשילדרענס דרעססמאכער פאר סאוויעט רוסלאנד.

דאס איז ווירקליך גאנץ שעהן פאר לאקאל 50. נעמענדיג אין באטראכט, ווי ווייניג די מיטגלידער פון דעם לאקאל האבען ביז איצט געארבייט, איז דאס פון זייער זייט א גרויסער אפפער. זיי האבען דאס אבער געטאן מיט א סך צופרי־דענקייט, ווי עכטע קלאסענבאוואוסטע ארבייטער.

איצטער איז אין דעם טרייד דא אביסעל מעהר ארבייט, און מען קאן זיכער ערווארטען, אז די מיטגלידער פון דעם לאקאל, וועלכע האבען נאך זייער טייל ניט בייגעטראגען צו דעם פאנד, וועלען עס איצט טאן. זאלען די מיטגלידער געדענקען, דאס די צייט פאר מאכען די קאלעקשאנס איז פארלענגערט געווארען ביז דעם 15טען נאוועמבער.

נאך דריי וואכען צו דעם ערעפענונגס־פייער פון ארביי־טער אוניווערזיטעט.

לכבוד די ערעפנונג פון אינטערנע־שאנאל ארבייטער אוניווערזיטעט, פריי־טאג אווענט, 18טען נאוועמבער, וועט געגעבען ווערען א גרויסארטיגער קאנ־צערט. פראמינענטע רעדנער וועלען ביי דער געלעגענהייט האלטען קורצע, אינטערעסאנטע רעדעס. דאס וועט זיין אין אודיטאריום פון וואשינגטאן אירווינג הײ־סקול, אירווינג פלייס און 16טע סטריט.

באזארגט זיך באלד מיט טיקעטס. די טיקעטס זיינען פריי, צו באקומען אין אלע אפיסעס פון אונזערע לאקאל יוניאנס.

אינטערנעשאנאל רעליף קאמיטע וועט טשארטערען א שיף צו שיקען פראדוקטען נאך רוסלאנד

מאנטאג אין דערפריה, דעם 24טען אקטאבער, איז אין דזשענעראל אפיס פון אונזער אינטערנעשאנאל אפגעהאלטען גע־ווארען א מיטינג פון דער אינטערנעשא־נאל רעליף קאמיטע, צו העלפען די הונ־גערליידענדע מאסען אין סאוויעט רוס־לאנד. דער מיטינג איז איינבערופען גע־ווארען פון סעקרעטער־טרעזשורער אב. באראף, וועלכער איז אויך דער סעקרעט־טער פון דער רעליף קאמיטע. זעהר וויכטיגע פראגען זיינען אויף דעם מיטינג אויפגענומען און באהאנדעלט געווארען.

פרעזידענט שלעזינגער איז געוועזען דער טשערמאן פון דעם מיטינג.

דער טרעזשורער פון דעם רעליף פאנד, ברודער פיליפ קאפלאוויטץ, האט באריכ־טעט, דאס די קאלעקשאנס וואס קומען אריין פון די קלאוקשעפער, זיינען דער־ווייל ניט גלענצענד. און דאסזעלבינע — זאגט ער — איז אויך מיט די קאלעקשאנס פון די שעפער אין אונזערע אנדערע טריידס, ווי א שטייגער, אין די וויסט און דרעס שעפער. די אורזאך דערפון

(שלוס אויף זייט 2).

קאנפערענץ אין קליוולאנד באשטימט פאר דעם דאנערשטאג

די יוניאן באשטימט דריי רעליף־טעג פאר רוסלאנד

דער קאנפערענץ צווישען דער קלאוק־מאכער יוניאן און די מאנופעקטשורערס אסס'ן אין קליוולאנד, איז באשטימט גע־ווארען פאר דאנערשטאג, דעם 27טען אק־טאבער. דער קאנפערענץ ווערט אפגע־האלטען אין „האטעל סטאטלער", אין קליוולאנד.

די קלאוקמאכער יוניאן אין קליוולאנד איז אויף דעם קאנפערענץ פארטראטען דורך א קאמיטע פון עלף, וואס איז פאר דעם צוועק ספעציעל ערוועהלט געווארען. פרעזידענט שלעזינגער און וויים־פרעזי־דענט פערלשטיין זיינען אין דער קאמיטע פון די עלף.

בעת די שורות ווערען געשריבען דארף דער קאנפערענץ זיך ערשט צונויפקומען. עס וועט זיך האנדלען וועגען באנייען דעם טרייד אגרימענט אין דער קלאוק אינדוס־טריע, וועלכע ענדיגט זיך דעם קומענדען דעצעמבער. די יוניאן האט געלאזען ווי־סען דער אסס'ן, אז זי האט ארויסצו־שטעלען איינינע נייע פאדערונגען, וואס

(שלוס אויף זייט 3).

דער יוניטי קאנצערט אין קארנעגיע האל דעם פרייטאג אווענט

ערשטער סאנג רעסייטעל פון עממא דעסטין, פרימאדאנא פון מעטרא־פאליטען אפערא הויז

היינט, פרייטאג אווענט דעם 28טען אקטאבער, איז דער גרויסער יוניטי קאנ־צערט אין קארנעגי האל, פאר דעם בע־נעפיט פון די יוניטי הויז פון די וויסט און דרעסמאכער, אין פארעסט פארק.

עממא דעסטין, איינע פון די בעסטע סא־פראנאס אין מעטראפאליטאן אפערא הויז, וועט זינגען אריען פון באוואוסטע אפעראס און אויך פאלקס־לידער.

עס איז די פליכט פון די אינטערנע־שאנאל מעמבערס אין ניו יארק צו זע־הען, אז די אונטערנעמונג זאל זיין א גרויסער ערפאלג.

די יוניטי הויז אין פארעסט פארק איז אפען פאר די מיטגלידער פון אלע אינ־טערנעשאנאל לאקאלס, צו קומען אהין דר מער פארברייננען זייער וואקיישאן. און עס איז די פליכט פון אלע דיזע מעמ־בערס צו זעהן, אז דער קאנצערט, דער בענעפיט פאר די יוניטי הויז, זאל זיין א גרויסער ערפאלג. דורך דעם בענעפיט דארף געדעקט ווערען א טייל פון דעפי־ציט וואס די יוניטי הויז האט געוועהנ־ליך.

(שלוס אויף זייט 3).

קלאוקמאכער אויפמערקזאם!

די קלאוקמאכער וואס קאנען און ווילען זיין „וואטשערס" פאר די סאציאליסטישע פארטיי אין טאג פון עלעקשאן, זיינען געבעטען זיך צו מעלדען צו ברודער ל. לאנגער, דער סעקרעטער פון דזשאינט באארד.

אפצוהיטען, די סאציאליסטישע שטימען זאלען ניט צוגע'גנב'עט ווערען, איז פונקט אזוי וויכטיג ווי צו באקומען די שטימען. זאלען די קלאוקמאכער וואס קאנען זיין „וואטשערס" באלד זיך מעלדען אין אפיס פון דזשאינט באארד, 40 איסט 23טע סטריט, 4טען פלאר.

אינהאלט־פארצייכנים

„גערעכטיגקייט" נומער 44

זייט 2. די וואך. — מאקס ד. דאניש.
זייט 3. אלערליי פון שיקאגא. — ה. סקול־מאן. א פאר ערנסטע ווערטער צו די מיט־גלידער פון לאק. 35. —דזש. ברעסלאו.
זייט 4. נאטיצען פון עדיוקיישאנאל דע־פארטמענט. — מאקס לעווין.
זייט 5. טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען. דער מיטינג פון עקז. ב. פון לאקאל 22. — י. שעהנהאלץ.
זייט 6. די מיטגלידערשאפט פון אונזערע לאקאלס אויף דער פראווינץ. — אלעק־סאנדער טראכטענבערג.
זייט 7. קוויטירונגען פון די קלאוק שעפער פאר רוסלאנד. עקז. ב. מיטינג פון לאקאל 25. — מש. דזשייקאבסאן. זומער־אווענט (ערצעהלונג). — ב. גלאזמאן.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס גאטיק־ביכעל.
זייט 9. די הויפט פראגע אין דעם באן־סטרייק. — א. זעלדין. וואס זיפצט איהר (ליד). — נחום י.
זייט 10. אין טעאטער. — דער קריטיקער. א פלעק אין דער משפחה (פעליעטאן). — ז. וויהלער.
זייט 11. די גרויסע דעבאטע.—דזש. העלער.
זייט 12. קורצע שמועסען. פינאנס רעפארט פון פילאדעלפיער קלאוקמאכער יוניאן.— מ. סאנדלער.
זייט 13 און 15. — אדווערטייזמענטס.
זייט 14. וויסטמאכער קוויטירונגען.
זייט 16. פילאדעלפיער ווייסט־מאנופעקטשו־רער האבען א נידערלאגע איין קורט. — י. ש. פרענקעוויץ.

קריטישע לאגע פון אידישע קאלאניסטען אין כערסאנער און יעקאטערינאסלאווער גובערניעס

מיטטיילונג פון „אידגעזקאם"

(אלרוסישער אידישער געזעלשאפטליכער קאמיטעט)

אין די צייטונגען זיינען שוין עטליכע מאל ערשינען טעלעגראפישע באריכטען וועגען דער שווערער לאגע אין וועלכע עס געפינען זיך די אידישע קאלאניסטען פון יעקאטערינאסלאווער און כערסאנער גובערניעס צוליב דעם הונגער וואס איז באפאלען יענע געגענדען. די אידישע באפעלקערונג פון דיזע קאלאניעס האט זיך פארזאמעלט אויף ספעציעלע אסיפות וואו זיי האבען באטראכט זייער קריטישע לאגע. עס איז אמת אז די סאוועטען מאכט טוט אלץ אין איהר מעגליכקייט כדי צו העלפען דער אידישער קאלאניסטען באפעלקערונג, אבער דאך איז דאס אלץ ניט גענוג. און די אידישע קאלאניסטען האבען דעריבער באשלאסען זיך צו ווענדען נאך שטיצע צו זייערע לאנדסלייט אין אמעריקא.

אויף די דאזיגע אסיפות האבען זיי אנגענומען א רייהע „פריגאווארען" — רעזאלוציעס. די אריגינאלען פון די דאזיגע רעזאלוציעס זיינען צוגעשיקט געווארען צום אמעריקאנער אפיס פון דעם „אידנעז־קאם". מיר גיבען דא איבער פאר די לעזער דעם בלוטיגען הילפס געשריי פון די דאזיגע פאראומגליקליכטע קאלאניסטען. דא איז כמעט ווארט אין ווארט דער אויפרוף פון די אידישע קאלאניסטען אין כלעבעאדארווקע, מאריומפאלער אויעזד, דאניעצקער גובערניע, געוועזענער יעקאטערינאסלאוו.

„מיר, אונטערגעשריבענע קאלאניסטען פון קאלאניע סאנצאווע, צוזאמענגעקליבען אויף א פארזאמלונג וועלכע עס האט צונויפגערופען אונזער סאוויעט פון קאלאניע אום צו באטראכטען די שלעכטע לאגע אין וועלכע מיר געפינען זיך איצט צוליב דער גרויסער טריקעניש, וועלכע האט אפגעברענט אונזערע גאנצע פעלדער — האבען מיר באשלאסען זיך צו ווענדען צום אידישען געזעלשאפטליכען קאמיטעט אין מאסקווע, אז ער זאל זיך ווענדען צו אייך, אונזערע חברים און בירגער לאנדסלייט אין אמעריקא, איהר זאלט אונז קומען צו הילף.

„חברים, בירגער, ארבייטער און פארמער! איהר ווערט געוויס פארשטעהן אונזער איצטיגע שלעכטע לאגע און וויסען מיט וואס פאר א הילף אונז צו באגעגנען. אונזערע קאלאניעס זיינען צושטערט געווארען דורך מאכנא'ס באנדיטען, דעניקין און ווראנגעל. מען האט די באפעלקערונג צורויבט און צו'הרג'עט. ביי אונז איז פאראן הונדערטע יתומים, אלמנות און אינוואלידען. נאר אונזער צוגעבונדענקייט צו דער ערד האט אונז ניט ערלויבט אז מיר זאלען פארלאזען אונזער ערד. מיר האבען געהאפט אז די ראטען מאכט וועט אונז אלע מאל באשיצען פון די פיינד פון דער רעוואלוציע, און אזוי איז דאס ווירקליך געוועזען. מיט וואס אונזער ארבייטער־און־פויערים רעגירונג פלעגט קאנען, פלעגט זי אונז קומען צו הילף!

הייאהר איז ביי אונז פארזייהט די גאנצע ערד, א סך מעהר ווי אין 1916. מיר האבען געהאפט אז אונזער לעבען וועט זיך פארבעסערען, נאר עס האט געטראפען א גרויסער אומגליק: די טריקעניש האט אנגעהאלטען א גאנצען זומער, קיין רעגען איז ניט געווען, אלץ איז פארברענט. ניטא קיין ברויט, קיין פאראזש, און דורך דעם התנגערן מיר שוין העכער פון 3 חדשים. ביז איצט איז אונזער איז שוין קיין מאקוהע אויך ניטא. אונזערע קינדער זיינען נענוים צו שטארבען דורך דעם הונגער. אלערליי קראנקהייטען פארשפרייטען זיך. די ראטען מאכט גאנצע ערנעהרונג געווען מאקוהע. איצט סטארעט זיך איינצוארדנען קינדער אנשטאלטען פאר אונזערע קינדער, אבער אונזער מלוכה איז ארעם, זי נויטינט זיך אין א סך זאכען וועלכע געפינען זיך ביי אייך.

„מיר ווענדען זיך צו אייך נאך הילף. שיקט אונז ברויט, ווייץ, גערשטען, זייגראז, ליוצערנע, סאכנא, קוקורוזע, מארגארע. אונזערע פערד און בהמות פגר'ן פון הונגער. מיר פארמאגען ניט קיינע טראקטארס, וועלכע זאלען פארבייטען אונזערע פערד. שיקט אונז לאנדווירטשאפטליכע מאשינעריע, שיקט אונז גאנצע קאמפלעקטען פאר קינדער הייזער, שולען. שיקט אונז אידישע ביכער, לערן ביכער; שיקט אונז אלערליי פראדוקטען, פעטס, מילך, הערינג, צוקער, א. ד. ג. ציהרונגס זאכען און לוקסוס דאס דארפען מיר איצט ניט האבען. שיקט אונז אזעלכע זאכען, וועלכע זאלען נוצען צו ערציהען דעם שוואכען לעבען.

ברידער! העלפט אונז אריבערלעבען דעם שרעקליכען הונגעריגען יאהר. דער אידגעזקאם קומט אונז צו הילף מיט פיל. ער בויט פאר אונז אלערליי אנשטאלטען, נאר זיינע מאטעריעלע מעגליכקייטען זיינען א סך אפהענגיג פון אייך, אידישע ארבייטער און פארמערס!

דא פאלגען די אונטערגעשריבענע (40), וועלכע זיינען באשטעטיגט פון די ארטיגע סאוועטען באאמטע.

וויכטיגע פאסירונגען אין דער טשילדרען'ס דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 50.

(שלוס פון זייט 2)

שעפער קאנקורירען מיט די יוניאן שעפער און דאס טאר ניט דערלאזען ווערען. מיר מוזען מאכען, אלע אנשטרענגונגען צו ארגאניזירען די ארבייטער פון יענע שעפער און באקומען פאר יענע ארבייטער די זעלבינע ארבייטס באדינגונגען ווי עס האבען די ארבייטער אין אונזערע יוניאן שעפער. דאס וועט אפשטעלען די קאנקורענץ פון איין שאפ קעגען א צווייטען.

א דזשאינט באארד פאר די לאקאלס 41 און 50.

די טשילדרען'ס דרעסמאכער יוניאן לאקאל 50 איז געקומען צו א פארשטענדיגונג מיט די קימאנא און ריפער מאכער יוניאן לאקאל 41, צו עטאבלירען א דזשאינט באארד פאר ביידע לאקאלס, אום צוזאמען צו קאנען בעסער אנגעהן מיט דער ארבייט. דורך דעם דזשאינט באארד פאר די צוויי טריידס, וועלכע זיינען אזוי נאהענט איינע צו דער אנדערער, וועט אונזער ארגאניזאציאנס ארבייט קאסטען א סך בילינגער. איין באאמטער פון דעם נייגעשאפענעם דזשאינט באארד וועט קאנען אטענדען די שעפער פון ביידע לאקאלס וואס ער האט אין זיין דיסטריקט, אנשטאט וואס ביז איצט האט יעדער לאקאל געהאט א באזונדער באאמטען פאר דער ארבייט. אי די רעגולע יוניאן ארבייט, אי די ארגאניזאציאנס־ארבייט וועט געטאן ווערען בשותפות פון ביידע לאקאלס. און מיר האפען און דערווארטען, דאס מיט'ן סופארט פון די מיטגלידער פון די צוויי לאקאל יוניאנס וועט דער נייער דזשאינט באארד זיין אן ערפאלג, און ער וועט זיין פון גרויס נוצען פאר די מיטגלידער פון לאקאל 50 ווי פאר די מיטגלידער פון לאקאל 41.

איין שטיקעל אפהאלט איז נאר, וואס די קאטערס פון די צוויי פאכען האבען זיך נאך ניט אנגעשלאסען אן דזשאינט באארד. אז די קאטערס פון די צוויי טריידס דארפען באלאנגען צום דזשאינט באארד איז זעלבסט פארשטענדליך. ווארום די באשלוסען פון דעם דזשאינט באארד ווערען דאך זיין אין באצוג אלע ארבייטער אין דיזע שעפער, די קאטערס איינגעשלאסען. מיר גלויבען אבער, דאס מיט דער הילף פון אונזער אינטערנעשאנאל וועלען די קאטערס זיך אנשליסען צו אונזער דזשאינט באארד און דאן וועלען מיר אלע מיט נייעם מוט זיך נעמען צו דער ארבייט.

סיזאן'ס ערשטער קאנצערט
מעטראפאליטאן'ס גרעסטער טענאר
דזשיאוואני
מארטינעלי
צוזאמען מיט
נינא מארגאנא סאפראנא
וואסא פריהאדא וויאליניסט
זונטאג ביטאג, 30טען אקטאבער
אין היפאדראם
טיקעטס: 75 ס., 1 דאלאר, 1.50 דאלאר, 2 דאלאר, 2.50 דאלאר און 8 דאלאר צו באקומען אין „פארווערטס", די „קאל", ראנד סקול און אין די העדקווארטערס פון דער סאציאליסטישער פארטיי, אונטער'ן אויפזיכט פון לאקאל ניו יארק.

הארלעם סאציאליסטישער עדיוקיישאנאל סענטער
62 איסט 106טע סטריט,
צווישען פארק און מעדיסאן עוום.
צו פארדינגען א גרויסען האל
קאן אריינגעמען 600 מענשען
פאר קאנצערטען, בעלער, פארשטעלונגען, חתונות און אז. וו.
אויך אפיסעס און מיטינג רומס.
אפען יעדען טאג ביז שפעט ביינאכט.
טעלעפאן: הארלעם 9020.

קלאוקמאכערס דזש. באארד גיט 1000 דאלאר פאר'ן סאציאליסטישען קאמפיין.

דער מיטינג פון דעם דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכערס יוניאן שבת אווענט האט באשלאסען צו געבען 1,000 דאלאר פאר'ן סאציאליסטישען קאמפיין. דאס האט רעקאמענדירט די פינאנס קאמיטע פון דער יוניאן און די רעקאמענדאציע איז געווארען אנגענומען. אויסער דעם האט די ספעציעל ערוועהלטע קאמפיין קאמיטע פון דעם דזשוינט באארד, וואס איז צונויפגעשטעלט פון פארשטעהער פון אלע קלאוקמאכער לאקאלס, באריכטעט, אז זי וועט דינסטאג אווענט האבען א מיטינג אנצופאנגען גלייך צו טאן סאציאליסטישע קאמפיין ארבייט און אויך זעהן צו באזארגען מעהרער פינאנציעלע שטיצע פאר דער סאציאליסטישער פארטיי. אלס טשערמאן פון דער קלאוק מאכער קאמפיין קאמיטע איז ערוועהלט געווארען דער מענעדזשער י. פיינבערג און אלס סעקרעטער איז ערוועהלט געווארען דער סעקרעטער פון דזשאינט באארד, לואיס לאנגער.

דער אינדזשאנקשאן קאמף אין פילאדעלפיער וויסט סטרייק רופט ארויס אינטערעסע.

(שלוס פון זייט 1).

געשריבען, געהט ווידער אן אין קאורט דער פארהער וועגען די אינדזשאנקשאנס, און מיר ווייסען ניט אין דעם מאמענט מיט וואס דאס וועט זיך דארט ענדיגען. אבער ווי די זאך זאל זיך ניט ענדיגען אין געריכט, דער סטרייק ווערט פארטגעזעצט מיט דער זעלבינער ענערגיע און דער סטרייק וועט אזוי אנגעהן, ביז די באסעס וועלען צוריקציהען די משוגע'דיגע פאדערונגען וואס זיי האבען געשטעלט די ארבייטער. די קאורט־פראצעדור האט נישט געמאכט קיין ענדערונג אין דעם גאנג פון דעם סטרייק און וועט אויך קיין ענדערונג ניט מאכען.

וועגען דער לאגע פון סטרייק האט פרעזידענט שלעזינגער זיך לעצטענס אויסגעדריקט ווי פאלגט:

„פון די טויזענטע וויסט און דרעסמאכער, וואס זיינען ארונטער אין סטרייק אין פילאדעלפיע, האבען די באסעס קיין סקעבס ניט געקאנט געפינען. די ביסעל סקעבס וואס זיי האבען, זיינען ניגערטעס, וועלכע קאנען ניט די ארבייט און די באסעס האבען פון זיי געבראכטע צרות.

„עס איז א שטאלץ פאר דער יוניאן, — האט פרעזידענט שלעזינגער ווייטער געזאגט, — וואס אפילו ניט איין ארבייטער פון די, וואס זיינען ארונטער אין סטרייק, האט זיך צוריקגעקעהרט ארבייטען, א חוץ, נאטירליך, די, וואס זיינען אוועק ארבייטען אין די געסעטעלטע שעפער פון די אינדעפענדענט מאנופעקטשורער. דער סטרייק וועט אנגעהאלטען ווערען, וואס עס זאל ניט זיין דער אויסגאנג אין קאורט אין באצוג די אינדזשאנקשאנס, און ער וועט געשטיצט ווערען פון דער גאנצער אינטערנעשאנאל ביז צו א זיגרייכען סוף".

דער יוניטי קאנצערט אין קארנעגיע האל דערנעהענטערט זיך.

(שלוס פון זייט 1)

דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון די „אמאלגאמייטעד" און די „וואומענס טרייד יוניאן ליג". זאלען די עקזעקוטיוועס פון די אנדערע אינטערנעשאנאל לאקאלס, וועלכע זיינען נאך דא אויף דער ליסט ניטא, ניט אפשטעהן פון כלל און נעהמען טיקעטס פאר דעם קאנצערט.

געדענקט, דער קאנצערט איז אין א וואך ארום, פרייטאג אווענט, דעם 28טען אקטאבער, אין קארנעגי האל, און דאס איז א בענעפיט פאר דער יוניטי הויז אין פארעסט פארק.

עמבראדערי מאנופעקטשורערס אסס'ן ברעכט אפ גרימענט

(שלוס פון זייט 1)

10 טויזענט דאלער.

ווען דער לעצטער סעטעלמענט צווישען דער יוניאן און דער אסאסיאיישאן איז געמאכט געווארען, האט די אסאסיאיישאן געגעבען 10 טויזענט דאלער סעקוריטי, אז זי וועט האלטען דעם אגרימענט. דאס מיינט, אז ווי באלד זי וועט דעם אגרימענט ניט האלטען, פארלירט זי די 10 טויזענט דאלער סעקיוריטי. דאס געלט איז איינגעלייגט געווארען אין א באנק. זוכט דעריבער די אסאסיאיישאן „באווייזען", אז דעם אגרימענט האט געבראכען די יוניאן, כדי צו קריגען צוריק די 10 טויזענט דאלער.

די יוניאן האט אבער באלד געלאזט וויסען דער באנק, וואו דאס געלט ליגט, אז די אסאסיאיישאן האט געבראכען דעם אגרימענט און מען זאל דאס געלט דער אסאסיאיישאן ניט ארויסגעבען. די באנק האט וועגען דעם זיך געווענדעט צו דעם אומפארטייאישען טשערמאן דר. י. ל. מאגנעס, און דר. מאגנעס וועט געוויס איצט פרובירען אויסגלייכען דעם שטרייט. זאל זיך דער שטרייט ניט אויסגלייכען, וועט די יוניאן פאדערען דורך קאורט פון דער באנק די 10 טויזענט דאלער, און די יוניאן האט גוטע באווייזען, דאס די אסאסיאיישאן האט געבראכען דעם אגרימענט. און עס קאן זיין, אז פון אט דער לאגע זאל זיך ארויסוויקלען א גענעראל סטרייק אין דעם פאך.

דערווייל אבער פירט די יוניאן גאנץ ענערגיש א סטרייק קעגען 18 איינצעלנע פירמען. די מיטגלידער פון לאקאל 66 וואס ארבייטען, צאלען צום סטרייק פאנד פון דער יוניאן 10 פראצענט פון זייערע פארדינסטען און די יוניאן צאלט צו די סטרייקער יעדע וואך סטרייק בענעפיט. סינגעל לייט קריגען 15 דאלער א וואך און פארהייראטע קריגען 20 דאלער א וואך. די סטרייקער פון די שעפער זיינען העכסט מוטיג און זיינען גרייט צו סטרייקען, ביז זייערע באלעבאטים וועלען נאכגעבען זייערע גערעכטע פאדערונגען.

אייניגע פירמען, קעגען וועלכע די יוניאן פירט דעם סטרייק, האבען זיך געווענדעט אין קאורט נאך אינדזשאנקשאנס.

איינע פון די פירמען איז ריכטער בראדערס, פון 30 איסט 14טע סטריט. די פירמע האט אנגעקלאגט לאקאל 66 און די גאנצע אינטערנעשאנאל. זי האט פארלאנגט אן אינדזשאנקשאן קעגען פיקעטען איהר שאפ און 50 טויזענט דאלער שאדענערזאץ. אזוי פיל, זאגט די פירמע, האט זי שוין פארלארען זינט די יוניאן פירט קעגען איהר דעם סטרייק. די קייס איז פארגעקומען פאר סופרים קאורט דזשאדזש וואסערוואגעל און ער האט גע־פסקנ'ט אזוי: קיין 50 טויזענט דאלער קומט ניט דער פירמע, קיין אינדזשאנקשאן דארף זי אויך ניט, ער האט אבער באפוילען דער יוניאן „צו באשריינקען די צאל פון פיקעטס ביי דעם שאפ". דער ריכטער דענקט, דאס עס איז גענוג, דאס די יוניאן זאל האבען ביים שאפ בלויז א י י ן פיקעט, מעהר פיקעטס, זאגט ער, דארף מען ניט. און ניט נאר דארף מען ניט, נאר מען טאר טאקע ניט האבען מעהר ווי איין פיקעט ביי דעם שאפ!

הייסט עס, אלזא, אז די יוניאן האט אין קאורט „געוואונען", אבער זי איז ניט צופרידען מיט'ן געווינס. די יוניאן האט אפעלירט די קייס אין אפעליית דיוויזשאן און זי וועט פיטען אין קאורט אומצרווארפען דעם פסק פון ריכטער וואסערוואגעל, דאס עס זאלען ניט טארען זיין ארום דעם שאפ מעהר ווי איין פיקעט.

קלאוקמאכער אויפמערקזאם!

אין איינקלאנג מיט אונזער אגרימענט מוז יעדער ארבייטער פון טרייד קריגען זיין „פעי" אין ק ע ש.

דארום פאדערען מיר אייך אויף ניט צו נעמען קיינע טשעקס פון אייערע בעל־הבתים, און מיט דעם וועט איהר פארמיידען פיעל טראבעל פאר אייך און דער יוניאן.

מיט גרוס,

דזש. באארד קלאוס און סקירט מאכער יוניאן

ל. לאנגער, סעקרעטער.

אלערליי פון שיקאגא

פון ה. סקולמאן

פאר די גאנצע פינף-זעקס און דרייסיג יאהר וואס מיר דרעהען זיך ארום אויף דיזער וועלטעל האבען מיר קיינמאל נים געפיהלט אזא שטארקע נויטווענדיגקייט צו זיין „רעוואלוציאנער, ראדיקאל און לינק" ווי אין דעם איצטיגען מאמענט.

אויף וויפיל בעסער אפ מיר וואלטען דאס אלע געווען; ווי גוט, ווי מחיה'דיג אונזערע מעמבערס וואלטען זיך דאס געפיהלט, עס וואלט דאך פשוט געווען א פארגעניגען! א לעבען ווי א לעקאך! שטעלט אייך נאר פאר ווי גרינג, ווי גיך און גלאטיג מיר וואלטען געקאנט לעזען אלע אונזערע פארפלאנטערטע פראגען. אלע אונזערע פראבלעמען, גרויס און גוואלדאוונע ווי זיי זאלען נים זיין, וואלטען מיר פארענטפערט, וואלטען מיר געלעזט מיט איין שפרונג, מיט איין שם המפורש'ל, נעמליך: א רעוואלוציע!

וואס איז דער מעהר, גוטער ברודער, ניטא קיין ארבייט? — א רעוואלוציע! מאך אן איבערקערעניש, אן איבערדרעעניש!

וואס איז? מען טיילט נים גלייך די ארבייט אין שאפ, וואו דו ארבייטסט? — שאפ קאמיטעס!

די באסעס רייסען פון די שכירות? — דיקטאטור פון פראלעטאריאט!

מען קאן קיין לעבען נים מאכען? — שאפט אפ פריוואט אייגענטום!

גאט גרויסער! אונזערע מעמבערס וואלטען פון זיך דאס העמד פארקויפט און דיוס געצאלט... פון זייער לעצטע ביסען וואלטען זיי דאך אפגעשפארט און אונז דעם אססעסמענט געבראכט. און אונז די באסטע, וואלטען זיי פשוט אויף די הענט געטראגען. מען וואלט אונז מתנות געגעבען און מען וואלט אויף אונז קיין שטויבעלע נים געלאזט פאלען. ווער וואלט זיך דאס געדארפט דרעהען א ספאדריק וועגען וואך ארבייט, „סטענדארד אף פראדאקשאן" און וועגען נאך אזעלכע נארישקייטען. וועמענס קאפ וואלט דאס באדארפט דארען און קווארען, קלערענדיג ווי און ווי אזוי דער ערווארטעטער קאמף מיט אונזערע באסעס זאל געפירט ווערען, וואס פאר א פאדערונגען מיר זאלען ארויסשטעלען, וואס פאר א תנאים מיר זאלען אין אונזער קומענדען אפמאך ארײנשטעלען, און ווי אזוי מאכט מען, אז דאס צוגעזאגטע און פארשריבענע זאל נאכהער טאקע אפגעהיט ווערען. מיר וואלטען גאנץ איינפאך ערקלערט אונזערע מאסען, דאס מעהר וועלען מיר זיך נים לאזען פירען אויף דעם אלטען פארשימעלטען אויסגעטראטענעם וועג, דאס די אלע ביז יעצטיגע מיטלען זיינען שאבלאן און רעאקציאנער און אלטמאדיש, און דאס די איינציגע אמת'ע רפואה שלימה איז איין מאל פאר אלע מאל איבערנעמען די גאנצע אינדוסטריע אין אונזערע אייגענע הענט און פארוואלטען זי ווי מיר אליין ווילען.

אבער אז די געטער ווילען אימיצען שטראפען, נעמען זיי ביי איהם צו דעם שכל, און אזוי ארום זיינען מיר געבליבען די זעלבע אלטע קאנסערוואטיווע יוניאן פירער, פון „שמואל גאמפערס" חדר, וועלכע אנשטאט פירען דעם ארבייטער צו דער ענדליכער גאולה, פארפירען מיר איהם גאר אין די הרי חושך, וואו עס שוויבעלט און גריבעלט מיט אגרימענטס, ארביטריישאן און אלערליי קאמפראמיסען. און דער רעזולטאט איז ארבייטסלאזיגקייט, שלעכטע מענעדזשמענט פון אינדוסטריע, „קארפארײשאן" שעפער, און נאך און נאך פורעניות...

אז אונזערע מעמבערס זיינען אלע רעוואלוציאנער געשטימט און זיינען פיקס און פערטיג אנצונעמען אירגענד וועלכע פראגראם, אין דעם קאן דאך קיין צווייפעל נים זיין. אלעס וואס זיי ווילען איז, אז מען זאל קאנען מאכען אן אנשטענדיג לעבען, און די באהאנדלונג אין די שעפער זאל זיין א מעהר מענשליכע. און אויב שאפ קאנסילס וועלען בריינגען מעהר ארבייט, אויב גלויבען אין דיקטאטור וועלען בריינגען צו גלייכע צוטיילונג פון ארבייט, אויב גלויבען אין דיקטאטורשיפ פון פראלעטאריאט וועלען אפהאלטען די באסעס פון מאכען אלערליי דיסקרימינײשאן אין די שעפער, דאן איז ניטא און עס וועט נים זיין קיין אורזאכע, אז זיי זאלען אט די אלע פרינציפען גלייך אנערקענען. און די פירער, נו, מיט זיי וועט מען זיך שוין אן עצה געבען. יעדענפאלס האבען מיר „גענוג" יונגע בלוט, וועלכע וועלען קאנען אויך א בעסערן, קלינערן און מאדערנערן אופן קלאר מאכען וואדום זיי קאנען גאר נים טאן, ווען אין טרייד איז קיין ארבייט נימא, ווען יעדער אײנער קוקט בלויז פאר זיך, ווען אלע פלענער ווי אזוי צו העלפען אונזערע ארבייטסלאזע זיינען פון אונזערע מעמבערס נידערגעשטימט געווארען, און ענדליך, ווען עס זיינען דא וואסערע פינף ארבייטער צו יעדען ארבייטס פלאץ.

* * *

אונזער לאקאל 100 האט זיך אונטערגענומען אנצופירען די עדיוקיישאנאל ארבייט פאר אלע אונזערע מעמבערס. א גאנצע רייע לעקטשורערס פון אלערליי ריכטונגען זיינען אנגאזשירט געווארען און עס איז צו ערווארטען, אז דעם ווינטער וועלען מיר ענדליך קריגען, נאך וואס מיר האבען יאהרען לאנג געשטרעבט, נעמליך, באלערענדע לעקטשורס און קאנצערטען, פון וועלכע אונזער עולם וועט קאנען עטוואס לערנען. א פארזוך דאס איינצופירען איז שוין מעהרערע מאל געמאכט געווארען, אבער צוליב געוויסע סיבות איז עטוואס ממשות'דיגעס נים ערדייכט געווארען. געוויינליך פלעגט זיך דאס אנפאנגען מיט א לעקטשור פון איינעם פון די שיקאגאר גדולים און דערמיט פלעגט זיך דאס ענדיגען. דאס מאל שיינט דאס אבער צו זיין פיל בעסער. א באלערענדע ליטערארישע און מוזיקאלישע פראגראם איז אויסגעארבייט געווארען, און קענענדיג די קאמיטע פאר דיזען צוועק, קאנען מיר מיט זיכערהייט זאגען, אז עטוואס נוצליכעס וועט דיזען מאל אויפגעטאן ווערען.

* * *

„באטאוויע"! דאס איז נים קיין נאמען פון תרגום, עס איז אויך נים קיין נאמען פון א גריכישען גאט אדער פילאזאף, דאס איז א נאמען פון א קליין שטעדטעל אויף דער בוירלינגטאן באן ליניע, 60 מייל דרום-מערב פון שיקאגא. דיזער שטעדטעל צייכענט זיך מיט קיין זאך נים אויס פון אנדערע שטעדטלאך, מיט דער אויסנאם וואס דיזע שטעדטעל האט זוכה געווען צו האבען א קלאוק שאפ, אדער ריכטיגער, א שאפ, וואו מען מאכט קינדערשע קלאוקס, לאקאל 17 קלאוקס. דער אמת'ער בעל הגוף פון דיזען פאבריקעל געפינט זיך אין שיקאגא, וואו ער „דזשאבט" און דארטען, אין דעם דאזיגען באטאוויע האט ער א מענעדזשער א געוויסער קושנער, וועלכער פארוואלטעט און שאלטעט ווי א קליין שטעדטעלדיגער אראדניק איבער די 30 שיקסע בעלי מלאכות און מאכט זיי צו ארבייטען פאר א קלענליכען לוין, פון 15 ביז 18 דאלער א וואך.

לויט דעם רעפארט פון אונזער ארגאניזער ברודער גינזבורג איז באטאוויע א יוניאן טאון, און אויב א ריכטיגע שטעלונג זאל גענומען ווערען, קאן מען דיזען שאפ ארגאניזירען. עס איז צו האפען, אז א שטעלונג זאל גענומען ווערען און דער שאפ זאל יוניאניזירט ווערען.

* * *

ביי די רעגען מאנטעל מאכער.

העריסאן, סטאר, שיקאגא ראבער קאוט, קאנגרעס, איסטערן, קאפוס, פאול איגלאוו און ראט אין דיזע שעפער מאכען די ארבייטער מעהר אדער ווייניגער א לעבען. אלע זיינען מעמבערס אין דער יוניאן. קאנראד .ב. שיין, ראזענוואלד און ווייל, די ארבייטער זיינען נים קיין מעמבערס אין דער יוניאן, מאכען אבער דאך א לעבען. דאן קומט קלינג בראדערס, א גרויסע רייכע קלאדינג פירמע, אלע ארבייטער זיינען מעמבערס אין דער יוניאן, צאלען דיוס, אססעסמענטס א. ז. וו., אבער א לעבען מאכען דארטען, איז ווי אונזערע מענשען זאגען, אן איידעלע זאך. פאר וואס דיזע פירמע צאלט פאר די זעלבע ריינקאוטס ווייניגער ווי אין די צוויי אויבען דערמאנטע נאן יוניאן שעפער, ווייסט מסתמא גאט אליין. על כל פנים דארפען דאך די ארבייטער נים ליידען דערפאר ווייל די קלינג פירמע האט די שעהנסטע און גרעסטע פעקטארי, אדער צוליב דעם, וואס די פירמע האלט אן א וויסענשאפטליכען לייבאר מענעדזשער, אדער אפשר דערפאר, ווייל דער סופעראינטענדענט דארטען איז שווארץ חנ'עוודיג...

מיט וואסערע 7 מאנאטען צוריק האבען מיר מיט דיזער פירמע געסטרייקט און נאך אלערליי צרות און יסורים האבען מיר ענדליך געסעטעלט אויף אזעלכע טערמינען, אז דער דורכשניטליכער ארבייטער האט ווי עס איז געקאנט אויסמאכען ארום א דאלער א שטונדע. יעצט אבער, צוליב א געוויסע ריאדזשאסטמענט אין די רעגען מאנטלען איז דער פרייז דערוצירט געווארען צו אזא שטופע, אז מעהר ווי 34—35 דאלער א וואך קאן מען נים מאכען, און מיט אזא סומע איז זעהר שווער אויסצוקומען אפילו יעצט, ווען לעבענס-מיטעל איז „געפאלען". אונזער רעפרעזענטאטיוו האט שוין זיין לונגען אויסגעשפייט רייענדיג און באווייזענדיג די אומגערעכטיגקייט פון אז האנדלונג, אבער דער רעזולטאט איז דער זעלבער. עס שיינט, אז מיר וועלען מוזען אנווענדען א פיל שטארקערן מיטעל אום צו איבערצייגען דיזער פירמע אין דער גערעכטיגקייט פון אונזער פאדערונג, נעמליך, עטוואס ענליך צו א שטיקעל אנשטענדיג לעבען.

א פאר ערנסטע ווערטער צו די מיטגלידער פון לאקאל 35

מיין הארץ ציהט מיך צו שרייבען עפעס צו די אונזערע מעמבערס, און שרייבען, מיינע ליבע פריינט, איז פאראן זעהר פיל! די יעצטיגע לאגע אין טרייד, דער קאמף וועגען דעם „מעמאראנדום" און ווי די בעלי מלאכות פארשטעהען נים, אין וועלכען אלע אונזערע מעמבערס פון אלע אונזערע לאקאלס וואלטען געדארפט האבען א גענויען באגריף, און עס איז פשוט א נויטווענדיגקייט, אז זיי זאלען דיזע פראגען פארשטעהן זעהר קלאר, וואס קלארער אלץ בעסער, ווייל דער גאנג פון דער צייט און די לאגע פון דער יוניאן איז אזוינע, אז אונזערע מעמבערס דארפען אבסאלוט יעצט מעהר ווי אלע מאל, זיין באוואוסט אין אלעס וואס עס קומט פאר.

בעפאר מיר וועלען איבערגעהן צו דיזע פראגען, וויל איך זיך, ערשטענס אפשטעלען אויף א פראגע, וועלכע איך רעכן איז די וויכטיגסטע פראגע אין דעם לעבען פון אונזער יוניאן, און דאס איז: וואו האלטען מיר מיט אונזער ארמיי, אדער בעסער געזאגט, מיט אונזער גרויסער מעמבערשיפ, וועלכע שטעלט צוזאמען אונזער יוניאן? יעדער גענעראל שטאב און יעדער קאמאנדיר דארף אלע מאל וויסען, ווי ווייט ער האלט מיט זיין ארמיי, אין פאל עס ברעכט אויס א מלחמה. און דאס זעלבע דארפען מיר אויך וויסען, ווי עס האלט זיך אונזער גרויסע מעמבערשיפ און ווי פיהלען זיי, אין פאל אז עס זאל קומען צו א קאמף מיט די באסעס.

אויף דעם וויל איך גלייך ענטפערען, אז נים קוקענדיג דערויף וואס די צייט איז נים אם בעסטען, נים קוקענדיג דערויף וואס עס איז כמעט קיין סיזאן נים געווען, און פילע ארבייטער האבען ביז יעצט נאך אפילו נים אנגעהויבען צו ארבייטען, דאך בין איך זיכער איבערצייגט, אז די מעמבערס זיינען אבסאלוט גרייט אויפצונעמען יעדען קאמף וואס וועט נאר זיין נויטיג! זיי וועלען צייגען א שטארקען ווידערשטאנד, אויב די בעלי בתים וועלען נאר מאכען א וועלכען עס איז אנגריף אויף אונזערע רעכטע און זיי וועלען קעמפען פאר זייערע רעכטע ווי העלדען. זיי וועלען פארטיידיגען זייערע פאזיציעס מיט דער זעלבער מוטיגקייט ווי זיי האבען דאס געטאן ביז יעצט, אין די פארגאנגענע קעמפע.

לאזט מען אונז אבער וויסען, אז עס ארבייט א געהיימע שווארצע האנט מיט דעם צוועק צו דעמאראליזירען אונזער מעמבערשיפ און ווארשיינליך מיט דער אבזיכט אפצושוואכען אונזערע כחות. מען זאגט אונז, אז עס געהען ארום פארשידענע סוביעקטען אין אלע פלעצער וואו אונזערע מעמבערס געפינען זיך, סיי אין 14טע סטריט פארק און סיי אין 5טע עוועניו, און שפייען מיט גאל, גיסען פעך און שוועבעל אויף דער יוניאן. און זיי טוען דאס אונטער דער מאסקע, אז די יוניאן איז נים „רעוואלוציאנער גענוג". ווען זיי וואלטען ארויסגעקוקט אפען און שמוצען די יוניאן, וואלטען די מעמבערס זיי גלייך דערקענט, וואלטען זייערע מאסקעס פון זיי אראפגעצויגען און זיי פארשפיגען! טוען דאס די סוביעקטען פארשטעלט, אונטער א מאסקע פון „רעוואלוציאנערען" און מען רייצט ברודער געגען ברודער מיט דער אבזיכט, טאמער וועט זיך איינגעבען צו צושטערען די יוניאן.

מיר ווילען ציהען די אויפמערקזאמקייט פון אונזערע מעמבערס צו פאלגענדעם: ווי קומט דאס, וואס ביז יעצט איז די יוניאן געווען גענוג רעוואלוציאנער און גראדע יעצט, ווען אין גאנצען לאנד הערשט א שרעקליכע ארבייטסלאזיגקייט און די בעלי בתים באקעמפען די יוניאנס מיט אלע מיטלען און שטעלען זיך נים אפ פאר קיין זאך, דאס גראדע יעצט האט מען מיט אמאל אויסגעפונען, אז די יוניאן איז נים „רעוואלוציאנער גענוג"?

ברידער, עס קוקט אויס פארדעכטיג. אונז שיינט, אז דא ארבייטען עפעס בייזע, גיפטיגע שלאנגען! שטעהט אויף דער וואך! פאסט אויף אז דיזע סוביעקטען זאלען זיך נים אריינרייסען אין אונזערע רייען. ווייכט פון דיזע שלאנגען. ווייזט זיי, אז זיי קאנען ביי אונז נים כאפען קיין פיש אין מוטנע וואסער. די היסטאריע פון אונזער יוניאן צייגט, אז מיר האבען שוין געהאט צייטענווייז, גענוג אזעלכע „רעפארמערס". מיר האבען זיך אלע מאל פון זיי אפגעטרייסעלט. זיי וועט זיך נים איינגעבען ביי אונז צו מאכען א טומעל, מיר דארפען יעצט, מעהר ווי אלע מאל, זיין פאראייניגט. קומט צו די מיטינגען, ווערט אקטיוו און צוזאמען אנהאלטען אלע אונזערע קאנדישאנס, וועלכע מיר האבען זיך ערווארבען דורך אונזערע ביטערע קעמפע.

מיר ציהען די אויפמערקזאמקייט פון אונזערע מעמבערס, דאס אונזער לאקאל האט באשלאסען, נעמענדיג אין אנבאטראכט, אז מיר ווייסען נים וואס עס וועט זיין נאך דעם 1טען נאוועמבער, ווען דער אגרימענט מיט די מאנופעקטשורערס ענדיגט זיך, האבען מיר באשלאסען גלייך צו מאכען אן עלעקשאן פאר לאקאלע באאמטע און אויך פאר עקזעקוטיוו באארד מעמבערס, און עס איז באשלאסען געווארען, אז מאנטאג, דעם 31טען אקטאבער, זאלען גערופען ווערען ספעציעלע מיטינגען פאר ערשטע און לעצטע נאמינײשאנס. נאכדעם זאל ווי געוויינליך פארקומען אבדזשעקשאנס. נעקסטען מאנטאג, דעם 7טען נאוועמבער, זאל אויך פארקומען ספעציעלע מיטינגען גוט צו הייסען די אבדזשעקשאנס, און מאנטאג, דעם 14טען נאוועמבער, זאל פארקומען עלעקשאנס.

אלזא, יעדער מעמבער איז איינגעלאדען צו קומען און אנטייל נעמען אין די עלעקשאנס. יעדער, וועלכער פיהלט, אז ער איז פעהיג גענוג צו פארנעמען אן אמט איז געבעטען צו קומען און זיין א קאנדידאט. אלע מעמבערס זיינען אויפגעפאדערט צו קומען נאמינירען און ערוועהלען די ריכטיגע פאסענדע מענשען.

אלזא, נעמט זיך צו דער ארבייט.

נעקסטען מאנטאג, דעם 31טען אקטאבער, וועלען אלע ניו יארקער פרעסערס מיטען פאר דעם צוועק אין „פארווערטס" האל, 175 איסט בראדוויי, און אלע בראנזווילער פרעסערס אין דעם זעלבען אוונט אין 219 סעקמאן סטריט, אין בראנזווילער לייבאר לייסעאום.

קומט נאמינירען א מענעדזשער און סעקרעטער אויך דעם טשערמאן פון לאקאל און אויך עקזעקוטיוו באארד מעמבערס.

דזש. ברעסלאו,
מענעדזשער לאקאל 35.

קאנפערענץ אין קליװלאנד באשטימט פאר דעם דאנערשטאג

(שלוס פון זייט 1).

וועלען דארפען אריינגענומען ווערען אין דעם נייען אגרימענט. האט די אסס'ן געענטפערט, דאס זי האט אויך ארויסצושטעלען נייע פאדערונגען דער יוניאן. אונזרי פאדערונגען פון ביידע צדדים וועלען אויפגענומען ווערען דאנערשטאג אויף דעם קאנפערענץ. וועגען דעם קאנפערענץ גופא וועלען מיר באריכטען נעקסטע וואך.

* * *

די קלאוקמאכער יוניאן אין קליוולאנד האט נישט געפונען פאר פאסיג, אונטער די איצטיגע אומשטענדען, צו באשליסען די מיטגלידער זאלען געבען א האלבען טאג ארבייט פאר סאוועט רוסלאנד. אנשטאט דעם, האט די יוניאן באשלאסען צו באשטימען דריי רעליף-טעג, און אין די דריי טעג זאלען די מיטגלידער געבען וויפיל זיי קאנען נאר, פאר סאוועט רוסלאנד. די רעליף-טעג זיינען באשטימט געווארען פאר קומענדען פרייטאג, שבת און זונטאג. אט דער באשלוס איז אנגענומען געווארען אויף א מיטינג פון די טשערלייט פון אלע צווייגען אין קלאוק טרייד.

עס ווילט זיך האפען, דאס די מיטגלידער פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין קליוולאנד וועלען טאן דאס בעסטע וואס זיי קאנען, אז די הילף פאר רוסלאנד זאל זיין וואס גרעסער; דאס די דריי טעג וואס זיינען באשטימט געווארען פאר דיזען צוועק וועלען זיין אמת'ע רעליף טעג און עס וועט אין די טעג געשאפען ווערען א באדייטענדע סומע, צו שטילען דעם הונגער פון די מאסען אין סאוועט רוסלאנד.

דרעס מאכער, אויפמערקזאם!

יעדען מיטוואך, דאנערשטאג און פרייטאג אווענט זיצט א מיטגליד פון דער עדיוקיישאנאל קאמיטע אין אפיס פון דער יוניאן, 16 וועסט 21טע סט., און ענטפערט אויף אלע פראגען וואס האבען א שייכות מיט אונזערע יוניטי סענטערס און קלאסען.

באנוצט זיך מיט דער געלעגענהייט.

די וואך

פון מאקס ד. דעניש.

מען וויל אפשאפען דעם לייבאר דעפארטמענט

לעצטע וואך האט די קאנפערענץ פון טרייד יוניאן פארשטייער אין וואשינגטאן אנגענומען א רעזאלוציע, וואס דארף דינען אלס געפאהר-סיגנאל פאר דער גאנצער ארבייטער באוועגונג. עס האנדעלט זיך וועגען דעם לייבאר דעפארטמענט, וועלכען די פאראייניגטע קאפיטאליסטען ווילען אזוי באשרענקען און רעארגאניזירען, אז פון איהם זאל גארניט בלייבען. די קאנפערענץ האט אין איהר רעזאלוציע זיך פארפליכטעט מיט אלע כחות צו באקעמפען אזא שריט און פאדערט אויף די ארגאניזירטע ארבייטער פון דעם גאנצען לאנד אויפצונעמען דעם קאמף.

לויט די בעריכטען פון מענשען וואס ווייסען, האט די קאמיטע, וואס איז באשטימט געווארען צו רעארגאניזירען די רעגירונגס-דעפארטמענטען, בדעה צו גרינדען א נייעם „דעפארטמענט אוו וועלפעיר", וואס זאל האבען אויפזיכט איבער „בילדונג, פאלקס-געזונט און ארבייט". מעהר ווי א העלפט פון דער טעטיגקייט וואס ווערט איצט געפיהרט פון דעם לייבאר דעפארטמענט וועט, לויט דעם פלאן, איבערגעגעבען ווערען צום „וועלפעיר דעפארטמענט". א חוץ דעם וויל מען צוגעבען א שפאגעל נייעם ביורא, א „ביורא פאר געצוואונגענער אינפארמאציע."

אט די נייע ביורא לאזט ארויס די קאץ פון זאק און דעקט אויף דעם אמת'ן צוועק פון דער גאנצער „רעארגאניזאציע". דער דעפארטמענט אוו לייבאר איז אלעמאל געווען גרויס אין די אויגען פון די ארבייטער פרעסער. צו מיט רעכט צי ניט, האבען די ארבייטער שונאים איהם אלעמאל באטראכט אלס די פעסטונג פון ארגאניזירטע ארבייטער אין דער נאציאנאלער רעגירונג, און פאר די לעצטע צעהן יאהר האלטען די „קאפיטאנען פון אינדוסטרי" אין איין קריצען מיט די צייהנער, אין איין זוכען חסאים אויף דעם לייבאר דעפארטמענט.

דאס, צוזאמען מיט דער ביורא פאר געצוואונגענער אינפארמאציע", גיט א גאנץ קלארען באגריף וועגען די אבזיכטען פון די לייט, וואס ווילען פארניכטען דעם לייבאר דעפארטמענט און באשאפען אויף זיין פלאץ א מאכענינע, וואס זאל מיט אמאל זיין אן אפהיטער פון די אינדוסטריעלע מאגנאטען און אן אכראנע נעגען די ארגאניזירטע ארבייטער.

די פרייהייט פון שטאט

מעיאר היילען האט געשיקט א מעסעדזש צום באארד אוו אלדערמען און נאכדעם ווי מ'האט דעם מעסעדזש פארגעלייענט, האבען די שטאט-טאטעס אהן שום אויסזעצונג איינגעוויליגט אז גענעראל ארמאנדא וויטאריאנא דיאז פון איטאליע זאל קריגען די פרייהייט פון אונזער שטאט.

גענעראל דיאז, דערצעהלט מען אונז, איז דער רעטער פון איטאליע און דער זיגער איבער די עסטרייכישע ארמעען. קומענדע וואך ערווארטען מיר דעם גענעראל זשאק, דעם „רעטער" פון בעלגיום. דערנאך וועט קומען דער רעטער פון אלע רעטער, מארשאל פאש, און אלע וועלען זיי, ברידערליך, קריגען די פרייהייט פון דער שטאט. אט די אלע העלדען און ערלייזער קומען עס צופאהרען אהער צוליב דער אנטוואפנונגס קאנפערענץ, און זיי ווילען דאס אכטונג געבען, אז זייערע רעגירונגען זאלען ניט נעקריוודעט ווערען בעת מען פארקלענערט די ארמעען און פלאטען, אויב עס זאל חלילה קומען צו אזא זאך.

פרינציפיעל האבען מיר גארניט דאגעגען, אז מען זאל דעם אדער יענעם גדול געבען די „פרייהייט פון שטאט". מיר ווייסען נישט וואס דאס איז אזוינס און מיר ערווארטען נישט, אז מיר וועלען אין דעם זין אמאל קלוגער ווערען. אבער עס גיט א טיאכטע אין הארצען ווען מיר זעהען אזוי פיל מלחמה העלדען מיטאמאל שפאצירענדיג איבער די פרידליכע גאסען אין א צייט פון פרידען. א רעטער-גענעראל, וואס דרעהט זיך ארום אהן א שטאך ארבייט, איז אין בעסטען פאל א מעגליכע אנשיקעניש, און מיט אזוי פיל איינגעארבייטסלאזע גענעראלען, דארפען מיר, דאכט זיך, נישט האבען קיין פרעמדע אלס צוגאב.

און פארגעסט נים, אז באלד באלד וועלען מיר האבען אזוינע געהויבענע געסט ווי לאיד דזשארדזש, בריאנד, און זייער גלענצענדע סוויטע. אויב מיר וועלען אונזער גאנצע באגייסטערונג אויסשיטען אויף די גענעראלען און רעטער, מיט וואס וועלען מיר מזכה זיין אט די העלדען שבהעלדען און רעטער שברעטער?

מען וועט די פאציפיסטען ניט צו-לאזען.

די ארגאניזירטע ארבייטער פון ניו יארק האבען ארגאנזשירט א גרויסע דעמאנסטראציע אין מעדיסאן סקווער גארדען פאר דעם 11טען נאוועמבער, דעם יאהרטאג פון דעם וואפען שטילשטאנד און דעם טאג, ווען די אנטוואפנונגס קאנפערענץ וועט זיך עפענען; און מען לאזט אונז וויסען, אז די „פאציפיסטען" וועלען צום מיטינג ניט צוגעלאזט ווערען.

דער מיטינג וועט געהאלטען ווערען אונטער דער אויפזיכט פון דעם „סענטראל טרייד קאונסיל אף ניו יארק" מיט'ן צוועק צו פארשטארקען די עפענטליכע מיינונג צו גונסטען פון פאלשטענדיגער אנטוואפנונג. דאס מיינט, אז דער מיטינג האט אויך דעם צוועק צו פארשטארקען די שטימונג פון דעם עולם פאר אינטערנאציאנאלען שלום, צו פראפאגאנדירען די אידעאלען פון פרידליכען צוזאמענלעבען צווישען פעלקער. אויב אזוי, איז עס דאפעלט אומפארשטענדליך און דאפעלט טרויעריג פאר וואס די צענטראלע ארבייטער קערפערשאפט פון ניו יארק האט מיט כעס און פאראכטונג זיך אנטזאגט מיטצוארבייטען אויף דעם דאזיגען געביט מיט מענשען, וואס האבען יאהרען לאנג געפרעדיגט דעם געדאנק פון אינטערנאציאנאלען שלום, און האבען באקעמפט דעם מאנסטער פון מיליטאריזם נאך לאנג איידער ער האט אויפגעהויבען דעם קאפ ביי אונז אין לאנד.

די ערקלערונג וואס ווערט געמאכט צו רעכטפערטיגען אזא האנדלונג איז, אז „די אמעריקאנער טרייד יוניאן באוועגונג האט אלע מאל אפגעטיילט אנטוואפנונג פון פאציפיזם און איז אלע מאל געווען פאר אנטוואפנונג, ווייל זי גלויבט אין דעמאקראטיע". מיר ווילען דא ניט פארטיידיגען די פאציפיסטען. מיר גלויבען אויך, אז דער מיטינג אין מעדיסאן סקווער גארדען האט געדארפט ארגאנזשירט ווערען אונטער דער א ו י פ ז י כ ט פון דער טרייד יוניאן באוועגונג פון ניו יארק. אבער די אומזיסטע ניט-באגרינדעטע און ניט-נויטיגע אטאקע אויף די פערזאנען, וואס האבען געקעמפט אין די רייען פון די אנטי-מיליטאריסטען ווען עס איז געווען געפערליך צו זאגען א הויך ווארט געגען מיליטאריזם, איז גאר ניט קיין כבוד פאר דער ארבייטער באוועגונג פון דער גרעסטער שטאדט אין דער וועלט. צו באגרינדען אזא האנדלונג אויף „גלויבען אין דעמאקראטיע" מאכט די האנדלונג ניט בלויז שעדליך, נאר אויך לעכערליך.

די שולד אין די מינגא פאסירונגען.

שוין א לאנגע צייט האבען מיר ניט געהאט דעם פארגעניגען צו הערען אזעלכע קלארע מוטיגע ווערטער ווי די, וואס פראנק פ. וואלש האט ארויסגעזאגט אויף דעם פארהער פון דער סענאט קאמיסיע איבער די פאסירונגען אין מינגא.

מיר ווילען ניט צוריקהאלטען פון די לעזער דעם זעלבען פארגעניגען און מיר ציטירען דא אייניגע שטעלען פון וואלש'ס ערקלערונגען:

„די יונייטעד סטייטס סטיל קארפארייסאן" (שטאל טראסט), האט מר. וואלש געזאגט צווישען אנדערע זאכען, „האט אין די מינגא פעלדער אנגעפירט א קאמפיין פון מארד און קאנספיראציע און דער קאמפיין איז פינאנסירט געווארען פון דזש. פ. מארגאן ענד קא., כדי צו מאכען א סוף צו די געווינסען, וואס די ארבייטער האבען געקראגען בעת דער מלחמה.

„רעטפילד און טשעמבערס זיינען קאלטבלוטיג דערשאסען געווארען. מיר וועלען באווייזען, אז זייער טויט איז געווען א טייל פון דעם קאמפיין פון קאנספיראציע און מארד, וואס איז אנגעפירט געווארען אין וועסט ווירדזשיניא אונטער דער דירעקטער קאמאנדע פון דער יונייטעד סטייטס סטיל קארפארייסאן, איהר באארד אף דירעקטארס און איהר טשערמאן, ריכטער גערי.

„פאר דער מלחמה האבען דריי פערטעל פון אונזערע פשוט'ע ארבייטער ניט פארדינט גענוג אז זיי זאלען קאנען שפייזען זייערע פאמיליען און זיי ערלויבען צו לעבען אנשטענדיג. בעת דער מלחמה האבען פילע פון זיי זיך דערשלאגען צו שכירות, וואס האבען מעגליך געמאכט פאר זיי צו מאכען אן אנשטענדיגען לעבען. איצטער זוכט דער שטאל טראסט און זייערע שותפים צוועקצונעמען דאס ביי די ארבייטער.

„מיר מאכען אויך די באשולדיגונג, אז נים די היינטיגע און נים די פריהערדיגע אדמיניסטראציעס האבען נים געמאכט אן ערנסטען פארזוך אנצונעמען א פאליסי, וואס זאל אוממעגליך מאכען די ווידערהאלונג פון די שווערליכקייטען אין וועסט ווירדזשיניא".

וואס האט גערי צו זאגען וועגען דעם?

שיפען פאר א דאלער א חודש.

הונדערטער שיפען, וואס געהערען צו דער רעגירונג און זיינען אונטער דער קאנטראל פון דער „שיפינג באארד", ליגען איצט ליידיג אין פארשיידענע האפענס פון לאנד. מעהרסטע פון די שיפען האט מען אויפגעבויט פאר דער רעגירונג אין דער היץ פון מלחמה, און מ'האט געצאלט די קאנטראקטארס אומגעהויערע פרייזען. איצטער פוילען זיי זיך רוהיג אין די האפענס און ווארטען ביז מ'וועט זיי פארקויפען אין אקשען פאר א לעכערליך קליינעם פרייז. נאך דעם ווי מ'האט אנטשירען פארווארפען דעם פלאן פאר א האנדעלס פלאטע אונטער רעגירונג קאנטראל, בלייבט קיין אנדער זאך ניט צו טאן מיט די הונדערטער שיפען.

אונטער די אומשטענדען קאן מען קוים קריטיקירען אהנדעלס סעקרעטאר הואווער ווען ער רעקאמענדירט, אז מ'זאל די שיפען פארדינגען פאר א דאלער א חודש, כדי צו עקספארטירען קוילען נאך אייראפא און באשיצען אמעריקאנער האנדעל פון איין זייט, און פון דער אנדערער — באזארגען די אומבאשעפטיגטע אמעריקאנער קוילען-גרעבער מיט ארבייט.

דאכט זיך א גוטער געדאנק, ניין? איז אבער די „שיפינג באארד" נאך „פראקטישער" פון הואווער'ן, און זי עטפערט, אז, ארדבא, זי וואלט א בעלן זיין דורכצופירען הואווער'ס פלאן, נאר וואס דען, מ'דארף זעהן, אז די פריוואטע שיף אייגענטימער זאלען חלילה דערפון ניט לייזען. טאמער וועלען די רעגירונגס שיפען פארכאפען א טייל פון די געשעפטען פון די פריוואטע שיף קאמפאניעס, טויג ניט דער גאנצער פלאן.

ס'איז ווירקליך שווער אויסצוקלייבען צווישען דעם שיפינג באארד, וואס זארגט אזוי שטארק וועגען די אינטערעסען פון פריוואטע שיף אייגענטימער און סעקרעטאר הואווער, וועלכער וויל די קוילען מאגנאטען געבען האנדעלס שיפען אלס מתנה. ביידע זיינען זיי אויסען די אינטערעסען פון קאפיטאליסטישע קליקעס, און ביידע פארשטעלען זיי זיך אונטער דעם אויסרייד, אז זיי ווילען באזארגען די ארבייטסלאזע מיט ארבייט. הואווער זארגט פאר די מיינערס און דער שיפינג באארד פאר די מאטראסען, וואס זיינען באשעפטיגט אויף די פריוואטע שיפען. און נאך זאגט מען, אז די ארבייטער האבען ניט קיין פריינט אין דער נאציאנאלער רעגירונג!

די „פראטעקטיוו אסס'ן" וויל צוריק שטיק-ארבייט.

(שלוס פון זייט 1).

דינסטאג אווענט איז א רעזולטאט פון יענעם קאנפערענץ. לויט דעם באשלוס דארף די שטיק-ארבייט, מיט א לענגערער ארבייטס וואך אריין אין קראפט מאנטאג, דעם 14טען נאוועמבער.

אט דעם באשלוס האט די אסאסיאיישאן אנגענומען אין דער פארם פון א רעזאלוציע וועלכע איז פארעפענטליכט געווארען אין דער גאנצער פרעס.

גלייך ווי די נייעס איז באקאנט געווארען האט פרעזידענט שלעזינגער געמאכט דעם פאלגענדען קורצען סטייטמענט:

„איך האב ניט געגלויבט אין די ראיעלקייט פון די „סטייטמענטס", וועלכע זיינען יעדען טאג געווען געדרוקט אין די טרייד-ציימונגען, אז די קלאוק מאנופעקטשורערס פארמעסטען זיך צוריק איינצופיהרען שטיק-ארבייט אין זייערע שעפער. די פאראנטווארטליכע קלאוק מאנופעקטשורערס פון גאנצען לאנד ווייסען גאנץ גוט די מאכט פון דער ריזיגער יוניאן אונזערע, און זיי וועלען דארום קיין הפקר-סטייטמענט ניט מאכען, האב איך געגלויבט. איצט אבער, ווען דאס איז די שפראך פון דער פראטעקטיוו אסאסיאיישאן וועלען מיר געוויס ניט שולדיג בלייבען קיין ענטפער. פון היינט ביז דעם 14טען נאוועמבער וועלען די ארבייטער זיין פאלשטענדיג צוגעגרייט און וועלען געבען זייער געהעריגען ענטפער אויף דעם באשלוס פון די בעלי בתים."

דער באשלוס פאר די „גרויסע רעפארמען" — שטיק ארבייט, פארלענגערען וויידזשעס און פארלענגערען ארבייטס-שטונדען, האבען די בעלי בתים אנגענומען אין דער פארמע פון א רעזאלוציאן. די רעזאלוציאן לויטעט, אז דער שריט ווערט געמאכט, כדי מ'זאל קענען „ריאדזשאסטען" די פרייזען אויף גארמענטס. דאס איז אויך געווען דער אינהאלט פון די באשלוסען פון דער אסאסיאיישאן מיט עטליכע מאנאטען צוריק, און נאך דאן האט די יוניאן אויף דעם געענטפערט, אז ווערהרענד זי וויל אויך, אז פרייזען אויף גארמענטס זאלען ניט זיין סיין הויכע און די קויף-קראפט א שטארקע, איז עס אבער נים די שולד פון די ארבייטער, וואס די פרייזען אויף גארמענטס זיינען הויכע. שולדיג אין דעם איז גיכער דאס וואס די מאנופעקטשורערס שטעלען זיך צו הויכע פראפיטען.

„די מאנופעקטשורערס פארגעסען, אז עס איז דא א צווייטער צד אין דער אינדוסטריע — ד י א ר ב י י ט ע ר. זיי באשליסען אן אומבייט אין דער אינדוסטריע, באשטימען א דאטום, ווען דאס זאל אריין אין קראפט, נים טראכטענדיג, אז מען מוז זיך מיט דעם ווענדען צו די ארבייטער. אבער די ארבייטער וועלען ענטפערען סיי ווי סיי. דורך זייער גרויסער און שטארקער יוניאן וועלען זיי דעם ענטפער געבען."

אינטערנעשאנאל רעליף קאמיטע וועט טשארטערען א שיף צו שיקען פראדוקטען נאך רוסלאנד.

(שלוס פון זייט 1).

אין די ביטערע סלעק אין די טריידס, דער עולם ארבייט ווייניג און פארדינט נאך ווייניגער. די צייט איז זעהר ניט גינסטיג פאר דער רעליף ארבייט.

ער בעריכטעט אויך, דאס די באאמטע פון אונזערע יוניאנס טוען דאס בעסטע וואס זיי קאנען, אבער סיין סך געלט קומט ניט אריין, טראץ אלע אנשטרענגונגען.

אייניגע קאמיטע לייט נעמען א ווארט. זיי דערקלערען, דאס די חדשים סעפטעמבער און אקטאבער זיינען געווען גאנץ שלעכטע פאר דעם צוועק. איצט אבער, ציינט זיך א ביסעל מעהר ארבייט ביי די קלאוקמאכער און ביי די ליידיס טיילארס, און דאס מען דארף פארלענגערען דעם פעריאד אויף צו זאמלען דאס געלט פאר דעם האלבען טאג ארבייט.

עס ווערט באשלאסען, די צייט זאל פארלענגערט ווערען ביז דעם 15טען נאוועמבער.

פרעזידענט שלעזינגער הויבט אויף די פראגע, ווי אריבערצושיקען די פראדוקטען אין רוסלאנד, פאר דאס געלט וואס עס איז שוין פאר דעם צוועק איינגעקומען. ער שלאגט פאר, די אינטערנעשאנאל זאל טשארטערען א שיף, און מיט דער שיף אריבערשיקען אין רוסלאנד די פארשיידענע פראדוקטען אין וועלכע מען נויטיגט זיך דארטען.

דער פארשלאג ווערט איינשטימיג אנגענומען, און דער עקזעקוטיוו באארד פון דער רעליף קאמיטע ווערט אויפגעפאדערט גלייך זיך נעמען דורכפיהרען דעם באשלוס.

סעקרעטער באראף ווערט אויפגעפאדערט צו לאזען וויסען אלע לאקאלס און דזשאינט באארדס זיי זאלען באלד אפשיקען דאס גאנצע געלט וואס זיי האבען פאר דעם פאנד, מען זאל קאנען אזוי שנעל ווי מעגליך אויסשטאטען די ערשטע שיף מיט שפייז-פראדוקטען, צו העלפען שטילען דעם הונגער פון די מאסען אין סאוויעט רוסלאנד.

א דיסקוסיאן איז פארגעקומען, ווי אזוי אדער דורך וועמען, די פראדוקטען זאלען אין רוסלאנד פארטיילט ווערען. די מעהרסטע דעלעגאטען זיינען פאר דעם, אז א שיף זאל געטשארטערט ווערען אין אונזער אייגענעם נאמען; די פארטיילונגס-ארבייט זאל אבער פאראייניגט ווערען מיט די קוויקערס, וועלכע גיבען זיך אפ מיט רעליף ארבייט פאר רוסלאנד שוין פון א לענגערע צייט, און וועלכע האבען באוויזען צו קריגען דאס צוטרויען פון אלע רוסלאנד'ס פריינד.

נאטירליך, דער עקזעקוטיוו באארד פון אונזער רעליף קאמיטע וועט זיך פריהער שטעלען אין פארבינדונג מיט די פארטרעטער פון די קוויקערס אין ניו יארק, און וועט אויסגעפינען אלע אייגצעלהייטען, ווי די זאך וועט ארבייטען, און דער פלאן וועט נאך אמאל גאנץ גענוי באטראכט ווערען.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.
B. SCHLESINGER, President S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.00 per year.
Vol. III. No. 44. New York, Friday, October 28, 1921.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען

עס געפעלען איהם ניט די פיהרונגען פון לאקאל 3.

ווערטער רעדאקטאר פון די „גערעכטיגקייט".

דער ארטיקעל „וואס טוט זיך אין לאקאל 3", פון ברודער ס. לעפקאוויטש, אין די „גערעכטיגקייט" פון 30טען סעפטעמבער, איז פול געווען מיט באדויערונג, ווארום די מיטגלידער ווייזען ניט ארויס קיין אינטערעס צו די פירונגען פון דער יוניאן. עס שיינט מיר אבער, דאס ברודער לעפקאוויטש זוכט ניט אויסצוגעפינען די ריכטיגע אורזאכען.

לאמיר צו ערשט געדענקען, דאס ווען די לאקאלס 3 און 80 האבען זיך פאראייניגט, זיינען אלע מיטגלידער געווען ענטוזיאסטיש פאר דער פאראייניגונג. כדי גרינגער צו מאכען דעם פאראייניגונגס־פראצעס האט מען איינגעשטימט צו א דיקטאטור פון זעקס חדשים, מיט ברודער לעפקאוויטש אלס דיקטאטאר, אום אויסצוקנעטען פון די אלע ברענטשעס אין דעם פאר איין לאקאל.

אבער וואס איז געווען דער רעזולטאט? דער נייער לאקאל איז באלד צושפליטערט געווארען אין דריי ברענטשעס, נעמליך: די ליידיס טיילארס, די סעמפעל מאכער און דער איטאליענישער ברענטש, און יעדער ברענטש דיסקוטירט און פארהאנדעלט אויף באזונדערע מיטינגען די זעלבע געשעפטען.

למשל, ווען א רעזאלוציע איז אנגענומען געווארען ביים מיטינג פון איין ברענטש, האט די רעזאלוציע נאכדעם נעדארפט דיסקוטירט ווערען ביים מיטינג פון 2טען ברענטש, און אויך פון א דריטען ברענטש. דער באשלוס פון ערשטען ברענטש איז גוט, נאר דעמאלט, ווען די אנדערע צוויי ברענטשעס הייסען גוט. אזא ארט און וויזע פון פארהאנדלען ביזנעס ברייננט אריין א צומישונג און איז איבערהויפט שלעכט, — הייגט ווארום באשולדיגען די מיטגלידער?

דאן אנאנסירט ברודער לעפקאוויטש, דאס די מיטגלידער וואס זיינען הינטערשטעליג אין דיוס מעהר פון 39 וואכען, פאלען אויטאמאטיש ארויס פון דער אינטערנעשאנאל. אבער ברודער לעפקאוויטש דערצעהלט ניט, דאס לאקאל 3 וויל נים נעמען קיין דיוס פון א סך פון זיינע מיטגלידער. די געשיכטע איז אזוי: לאקאל 3 האט פארמירט א קראנקען־פאנד, און אנגענומען א רעזאלוציע, דאס קיין ארבייטער אין טרייד קאן ניט ווערען א מיטגליד פון דער יוניאן סיידען זיי באלאנגען צו דעם קראנקען־פאנד און מאכען דורך א דאקטאר־עקזאמינייש‌אן.

אפגעזעהן דערפון, דאס די מעהרסטע מיטגלידער פון לאקאל 3 באלאנגען שוין פון פריהער אין אנדערע בענעפיט סאסייטיס, זיינען א גרויסע צאהל פון זיי קעגען אזא צוואנג. זיי גלויבען דאס יעדער האט דאס רעכט צו באשטימען פאר זיך אליין, אין וועלכער בענעפיט סאסייטי ער אדער זי זאל באלאנגען.

איך גלויב, דאס דער לאקאל האט מיסברויכט זיין מאכט אין דער באציהונג. אזא אנגעלעגענהייט דארף געלאזען ווערען פריי פאר יעדען מיטגליד צו באשטימען פאר זיך אליין.

ברודער לעפקאוויטש, אלס סעקרעטער מענעדזשער אנטזאגט זיך צו בייטען מיין קארד (און אויך פון פילע אנדערע) און אין דער זעלבער צייט ווארנט ער, דאס מיר וועלען אויטאמאטיש ארויספאלען פון דער אינטערנעשאנאל פאר ניט צאהלען קיין דיוס. איך וואלט איהם וועלען פרעגען, צי האט ער אמאל געלעזען אונזער קאנסטיטוציע, אויב יא, קאן ער מיר אנווייזען, וועלכען פונקט פון איהר איך האב נים אויסגעפאלגט?

ברידערליך אייער,

אלבערט קאלטאפט,

מיטגליד לאקאל 3,

לעדושער נומ. 333.

אן ענטפער פון ברודער לעפקאוויטש, דער מענעדזשער פון דעם לאקאל.

פריינט יאנאווסקי.

איך בין ניט געגען קריטיק. איך גלויב אבער, אז דער וואס נעמט זיך צו קריטיקירען אנדערע, דארף אליין זיין א ליימישער מענש.

לאמיר זעהן, וואס אלבערט קאלטאפט האט אויסצוזעצען קעגען מיין לעצטען רעפארט.

ערשטענס, בעהויפטעט ער, דאס איך באקלאג זיך אויפ'ן פשקט, וואס די מיטגלידער נעמען ניט קיין אינטערעס אין דער יוניאן, און דאס איך פרוביר ניט אויסצוגעפינען די ריכטיגע אורזאכען פון דעם. ער פארדרעהט דא די פאקטען. איך האב ערקלערט, אז דאס וואס די מיטגלידער באטייליגען זיך איצט ניט אין דער פירונג פון דער יוניאן, איז עס דערפאר, וואס פריהער, ווען זיי האבען באלאנגט צו לאקאל 80 האבען זיי אליין פארהאנדעלט די יוניאן ביזנעס, ביי זייערע עקזעקוטיוו באארד מיטינגען. איז אבער שיינט עס, דאס זיי זיינען צופרידען וואס זייערע יוניאן אנגעלעגענהייטען ווערען פארהאנדעלט פון דזשוינט באארד.

צווייטענס, קריטיקירט ער דעם לאקאל, ווארום עס איז געמאכט געווארען דריי ברענטשעס, איינעם פאר די ליידיס טיילארס, א צווייטען פאר די סעמפעל־מאכער און א דריטען פאר די איטאליענישע מיטגלידער.

וועל, דאס איז ניט געטאן געווארען ווייל איך האב אזוי געוואלט, נאר ווייל די מיטגלידער האבען עס געפאדערט. די מיטגלידער זיינען צופרידען מיט איין עקזעקוטיוו באארד, זיי האבען אבער געוואלט האבען באזונדערע ברענטש־מיטינגען, וואו עס זאלען באהאנדעלט ווערען די ספעציפישע פראגען פון יעדען באזונדער ברענטש אין דעם פאך. וואס אנבאלאנגט די איטאליענישע מיטגלידער מוזען זיי האבען א באזונדער ברענטש, כדי זיי זאלען קאנען זיך באטייליגען אין די יוניאן אנגעלעגענהייטען, ווייל די מיטינגען ווערען געפירט אין אידיש, און זיי פארשטעהען ניט די שפראך. מאנכע פון זיי פארשטעהען קיין ענגליש אויך ניט, און זיי מוזען האבען א באזונדער ברענטש צו דיסקוטירען יוניאן פראגען אין זייער אייגענער שפראך.

דא ניט לאנג האבען מיר געוואלט מאכען פון ביידע אידישע ברענטשעס איינעם, האבען די קלאוק שניידער און סעמפעל מאכער בשום אופן ניט געוואלט אויפגעבען זייער ברענטש. איבעריגענס, איז אונזער לאקאל ניט דער אייגציגער, וואס האט באזונדערע ברענטשעס. אלע גרויסע לאקאלס אין דזשוינט באארד האבען סעקשאנס אדער ברענטשעס, אום צו געבען א געלעגענהייט מעהרערע מיטגלידער זיך צו באטייליגען אין די מיטינגען.

דריטענס, זעצט ער אויס קעגען מיין אנאנסמענט, דאס די מעמבערס וואס זיינען שולדיג דיוס מעהר פון 39 וואכען, פאלען אויטאמאטיש ארויס פון דער אינטערנעשאנאל יוניאן. אויב ער וואלט געווען א יוניאן מאן און וואלט געגלויבט, אז ער האט פליכטען צו זיין ארגאניזאציע, און וואלט נים אויסען געווען בלויז צו געבען זיינע אומפאראנטווארטליכע „קריטיקען", וואלט ער באדארפט צופרידען זיין מיט דער באקאנטמאכונג, און נים אונז טאדלען פאר דעם. איז דאך עס אזוי באשלאסען געווארען אויף דער קאנווענשאן פון אונזער אינטערנעשאנאל. ער וויל דעם באשלוס ניט אנערקענען? אבער אין וועלכער ארגאניזאציע האט אן איינצעלנער מיטגליד דאס רעכט צו איגנארירען דעם באשלוס פון דער ארגאניזאציע און זיך פירען ווי ער אליין וויל עס?

אבער זעהט ווענן וואס דא האנדעלט זיך.

די שטיק שניידער און סעמפעל מאכער יוניאן לאקאל 3 האט עסטאבלירט א קראנקען בענעפיט פאנד שוין לאנג צוריק, און ווען עס איז אויפגעקומען די פראגע פון פאראייניגען זיך מיט דער ליידיס טיילארס יוניאן לאקאל 80, איז עס קלאר פארשטאנען געווארען, דאס די ליידיס טיילארס, די מיטגלידער פון לאקאל 80, וועלען אויך דארפען באלאנגען צו דעם קראנקען בענעפיט פאנד. מען האט זיי אבער נעגעבען די פאלגענדע פריווילעגיע: ווערענד מיטגלידער דארפען דורכגעהן א דאקטאר עקזאמען און זיי דארפען איינצאלען 5 דאלער, זאלען די מיטגלידער פון לאקאל 80 ניט דארפען דורכמאכען קיין דאקטארס עקזאמען און זיי זאלען איינצאלען בלויז א 1.50 דאלער איינטריטס געלט צו דעם פאנד.

איידער דער פאראייניגונג פון די צוויי לאקאלס, זיינען אפגעהאלטען געווארען מעמבער מיטינגען פון ביידע לאקאלס און כמעט איינשטימיג איז באשלאסען געווארען זיך צו פאראייניגען אויף די באדינגונגען. עלזא, בלויז אן אומפאראנטווארטליכער מענש קאן איצט קומען און זאגען, דאס ער וויל נים פאלגען דעם באשלוס פון דער גאנצער מיטגלידערשאפט פון זיין לאקאל. עס זיינען דא מיטגלידער, וואס ווילען נים צאלען קיין דיוס אונטער קיינע אומשטענדען, סיידען מען צווינגט זיי דאס צו טאן, און זיי זוכען דערפאר פארשיידענע אויסריידען. זיי ווילען גענים די בענעפיט פון דער יוניאן, זיי ווילען אבער נים נעמען אויף זיך קיין פליכטען.

פערטענס, באשולדיגט ער מיר, דאס איך וויל נים אומבייטען די קארדס פון די מיטגלידער, וואס ווילען נים באצאלען אלע אסעסמענטס. עס איז ווירקליך צו באדויערען אט דעם ברודער, ווי ווייניג ער ווייס פון אונזער יוניאן. ער ווייס נאך ניט, אז א סעקרעטאר פון דער יוניאן דארף אויספירען דעם באשלוס פון די מעמבערס און ער „קריטיקירט" מיר, ווייל איך פיר דורך א באשלוס. דער עקזעקוטיוו באארד פון אונזער לאקאל, פונקט אזוי גוט ווי די עקזעקוטיוו באארדס פון אלע לאקאלס פון דעם דזשוינט באארד, האט באשלאסען, דאס קיין קארד זאל ניט אומגעביטען ווערען, סיידען די דיוס און אלע אסעסמענטס זיינען אפגעצאלט אויף דער אלטער קארד. קריטיקירט ער מיר, ווייל איך פיר דורך דעם באשלוס.

און צום סוף פרעגט ער מיר סארקאסטיש, אויב איך האב אמאל געלעזען די קאנסטיטוציע פון אונזער אינטערנעשאנאל, און אויב יא, זאל איך איהם אנווייזען, וועלכען פונקט פון דער קאנסטיטוציע ער האט נים אויסגעפאלגט. אויב א מענש וויל עפעס וויסען, בין איך אימער גרייט איהם צו לערנען. איך וועל דאריבער דא אנצייגען, וועלכען פונקט פון דער קאנסטיטוציע ער האט פארבראכען.

אין סעקשאן 8, ארטיקעל 8 פון אונזער קאנסטיטוציע ווערט געזאגט:

„מיטגלידער מוזען צאלען אלע דיוס, דזשענעראל אסעסמענטס און לאקאל אסעסמענטס, וואס ווערט באשלאסען פונ'ם לאקאל יוניאן, דזשוינט באארד, דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד און די קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן. יעדער מעמבער, וואס איז דריי חדשים הינטערשטעליג זאל זיין סוספענדירט פון אלע רעכטען און פריווילעגיעס אלס מיטגליד. אויב עס געהט אוועק זעקס חדשים און זיי מאכען ניט גוט זייערע שולדען, זאלען זייערע נעמען ארונטערגענומען ווערען פון דער ליסט. אין פאל פון קראנקהייט, אדער אויסערגעוועהנליכע אומשטענדען, זאל די עקזעקוטיווע פון דעם לאקאל האבען די מאכט גוט צו מאכען די דיוס און בלויז די לאקאל אסעסמענטס".

פון אנפאנג האב איך דעם מר. קאלטאפט ניט געוואלט ענטפערען, ווייל ער איז מעהר ניט קיין מעמבער אין אונזער יוניאן. איך האב אבער באשלאסען צו ענטפערען, ניט אזוי צוליב איהם, ווי צוליב אנדערע מיטגלידער פון אונזער לאקאל, וועלכע קאנען אפשר מאכען דעם זעלבען טעות וועגען דעם פונקט וואס דא האנדעלט זיך.

ברידערליך, אייער,

ס. לעפקאוויטש.

נ. ב. שרייבענדיג דעם בריף דערוויס איך זיך פון שאפ טשערמאן פון דער פירמע דזש. קלוגמאן און סאן, דאס אין דעם שאפ איז לעצטענס געמאכט געווארען א קאלעקשאן פאר די הונגער ליידענדע אין רוסלאנד, און דאס דער מר. קאלטאפט האט זיך אפגעזאגט עפעס בייצושטייערען צו דער קאלעקשאן. איך דענק, אז דאס ווייזט, וואס פאר א מענש דאס איז.

דער מיטינג פון עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעססמאכער יוניאן לאקאל 22

א ספעציעלע זיצונג פון עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעססמאכערס יוניאן לאקאל 22 איז אפגעהאלטען געווארען דאנערשטאג, דעם 13טען אקטאבער 1921 אין 16 וועסט 21טע סטריט, אונטער דעם פארזיץ פון ברודער וויינבערג.

דער רעפארט פון דזשוינט באארד פון אקטאבער דעם 7טען איז אויפגענומען געווארען. אין דעם רעפארט האנדעלט זיך וועגען דעם פינאנציעלען באריכט, וואס די יוניטי הויז קאמיטע האט אריינגעבראכט וועגען די רעזולטאטען פון לעצטען סעזאן. נאך א דויערענדיגער דיסקוסיע אין וועלכער אלע אנוועזענדע מיטגלידער האבען אנטייל גענומען, האט אונזער עקזעקוטיוו באארד באשלאסען גוט צו הייסען דעם רעפארט.

די פראגע וועגען דער צוקונפטיגער ארבייט פון דער יוניטי הויז קאמיטע און די פלענער אין פארבינדונג מיט דער יוניטי הויז איז איבערגעלאזט געווארען ביז צום נעקסטען מיטינג אויפגענומען און דיסקוטירט צו ווערען.

א צושריפט איז דערהאלטען געווארען פון דער יוניטי הויז קאמיטע, אין וועלכען זיי לאזען אונז וויסען, אז מיט דער הסכמה פון דעם דזשוינט באארד האבען זיי אונטערגענומען צו מאכען א קאנצערט אין קארנעגי האל, פרייטאג, דעם 28טען אקטאבער. זיי האבען פאר דעם אוועגט אנגאזשירט עמי דעסטין און ראדעריק ווייט. די קאמיטע גלויבט, אז יעדער לאקאל פון אונזער דזשוינט באארד דארף אנטייל נעמען אין דיזען קאנצערט. די עקזעקוטיוו באארד האט באשלאסען צו קויפען טיקעטס פאר דריי לאזשעס צו 8 פלעצער יעדע.

אזוי ווי עס זיינען דא צוויי וואקאנציעס אין אונזער קוואטא צו דעם דזשוינט באארד נאכדעם ווי ביידע, ברודער היימאן און שוועסטער שער, האבען רעזיגנירט פון זייערע עמטער אלס ביזנעס איידזשענטס, איז דאריבער באשלאסען געווארען, אז א קאמיטע באשטעהענדיג פון די ברידער ראבינאוויטש, ראטענבערג און לייבאוויטש זאלען זוכען פאסענדע קאנדידאטען, וועלכע זאלען אויספילען די וואקאנציעס און באריכטען צום נעקסטען מיטינג פון דער עקזעקוטיוו באארד.

ברודער שעהנהאלץ האט געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון דער עקזעקוטיוו באארד, אז עס זיינען דא דריי לעדיגע פלעצער אין דער באארד. די גאנצע צייט ביז איצט האט זיך אין לאקאל 25 געפירט, אז יעדער ברענטש איז געווען בארעכטיגט צו א באשטימטער רעפרעזענטאציע אין דער עקזעקוטיוו באארד, און אויב איינער פון א געוויסען ברענטש האט רעזיגנירט אדער איז אויסגעשלאסען געווארען, האט מען נעלאזט וויסען דעם ברענטש, ער זאל ערוועהלען אן אנדערען אויף זיין אדער איהר פלאץ. לויט די לעצטע וואלען רעפרעזענטירען די 21 מיטגלידער פון דער עקזעקוטיוו באארד די גאנצע מיטגלידערשאפט, אפגעזעהן פון וועלכען עס איז ברענטש. דאריבער דארף די עקזעקוטיוו באארד אויסארבייטען א פלאן, וועלכער זאל אנגעווענדעט ווערען אין דעם פאל ווען מען דארף ערוועהלען מיטגלידער צו אויספילען די דריי וואקאנציעס אין דער באארד. א קאמיטע באשטעהענדיג פון די שוועסטער טימען, האפמאן און הוירש איז ערוועהלט געווארען אויסצוארבייטען רעקאמענדאציעס און זיי אריינברייננען צו דעם נעקסטען מיטינג פון דער עקזעקוטיוו באארד.

מיט דעם האט זיך דער מיטינג געשלאסען.

י. שעהנהאלץ, סעק.

א שלעכטער מאגען

ברענגט קאפ־שמערצען, אונריינע בלוט, אפענדיסיטיס און פיעלע אנדערע קראנקהייטען.

עקס-לאקס

דער טשאקאלאד אבפיהר־מיטעל

האלט אייער מאגען אין ארדנונג

עקס־לאקס קורירט פערשטאפונג און אין דערזעלבער צייט פערהיט עס אייך פון פיעלע קראנקהייטען, וועלכע קומען פון א שלעכטען און פערשטאפטען מאגען.

עקס־לאקס איז די וויכטיגסטע ערפינדונג פון דיזען יאהר־הונדערט און ווערט רעקאמענדירט פון פראמינענטע מאגען־ספעציאליסטען.

10, 25 און 50 סענט א באקס. אין אלע דראג סטארס.

נאָטיצען פון עדיוקיישאָנאַל דעפּאַרטמענט

צו דער ערעפענונג פון ארבייטער אוניווערזיטעט פרייטאג, דעם 18טען נאָוועמבער

אַלע ארענזשמענטס ווערען שוין געמאכט צו דער ערעפענונג פון אונזער ארבייטער־אוניווערזיטעט, פרייטאג אָוונט, דעם 18טען נאָוועמבער. עס וועט זיין א גרויסארטיגער אָוונט.

אין קאָנצערט וועלען זיך באטייליגען ערשטע־קלאַס קינסטלער. קירצליך וועט פּאַרעפענטליכט ווערען די גאנצע פּראָגראם.

עס וועלען אויך זיין גוטע רעדנער, וואָס וועלען האלטען קורצע, אינטערעסאַנטע רעדעס איבער ארבייטער בילדונג.

לויט אַלע וואהרשיינליכקייטען וועט די ערעפענונג דעם יאָהר זיין נאָך א גרעסערער ערפאָלג, ווי עס איז געווען ביז איצט. מען קאָן דאָס שוין זעהען פון דעם אינטערעס וואָס די מיטגלידער ווייזען שוין ארויס.

אריינגלאָזען צום קאָנצערט וועט מען נאָר די, וואָס וועלען האָבען טיקעטס. די טיקעטס זיינען פריי, און מען קאָן זיי שוין באקומען אין די אָפיסעס פון די לאָקאַל יוניאָנס, אין אָפיס פון עדיוקיישאָנאל דעפּארטמענט, 31 יוניאָן סקווער, רום 1003. זאָלען אַלע אונזערע מיטגלידער אין גרויס נויאָרק געדענקען דעם דאטום, און נישט מאַכען אנדערע ארענזשמענטס פאר יענעם אָוונט.

* * *

הייסקול קלאַס אין ענגליש אין דעם איסט סייד יוניטי סענטער

די סטודענטען וואָס האָבען זיך פארשריבען פאר דעם הייסקול קלאַס אין ענגליש, אין דעם איסט סייד יוניטי סענטער, ווי אויך די וואָס ווילען זיך נאָך פארשרייבען, זאָלען וויסען, אז דער קלאַס איז שוין אָפען. דאָס איז אין פּאַבליק סקול 63, 4טע סט., לעבען די 1טע עוועניו.

וועגען דעם קלאַס איז געווען א שטיקעל מיספארשטענדניס, צוליב דעם לעהרער פון דעם קלאַס. איצטער וועט דער קלאַס זיין אונטער א נייעם לעהרער און ער וועט געגעבען ווערען דעם גאנצען סיזאָן. דער נייער לעהרער איז מר. זעלבסטיין, אן ערפאהרענער הייסקול לעהרער און איז זעהר פאראינטערעסירט מיט אונזער עדיוקיישאָנאל טעטיגקייט.

אַלע וואָס האָבען זיך איינגעשריבען אין דעם קלאַס זיינען געבעטען צו קומען דעם מאָנטאג אָוונט אין דעם איסט סייד יוניטי סענטער.

* * *

א „הייק" פון איסט סייד יוניטי סענטער.

די סטודענטען פון איסט סייד יוניטי סענטער וועלען האָבען א „הייק" זונטאג פריה, דעם 6טען נאָוועמבער. מען וועט זיך צוזאמענקומען ביי דער סקול בילדינג אין דער 4טער סט., 10 א זייגער אין דערפריה, און פון דארטען וועט זיך אנפאנגען די רייזע.

מר. פערי שניידער, איינער פון אונזערע לעהרער אין דע סענטער, וועט אנפיהרען דעם „הייק", און ער וועט שוין זעהן, אז דער טאג זאָל פארבראכט ווערען אויף אן אינטערעסאַנטען אופן.

* * *

פאר די סטודענטען פון ארבייטער־אוניווערזיטעט

אונזער עדיוקיישאָנאל דעפּארטמענט האָט אפגעדרוקט ספּעציעלע ליפלעטס, אין וועלכע עס זיינען באשריבען די קורסען וואָס וועלען דעם סיזאָן געגעבען ווערען אין אונזער ארבייטער אוניווערזיטעט, וועלכער עפענט זיך שבת דעם 26טען נאָוועמבער. אין די ליפלעטס ווערען אויך אנאָנסירט די שטונדען, אין וועלכע די פארשיידענע קלאַסען וועלען מיטען, און דאָס איז באַזונדערס וויכטיג פאר די סטודענטען צו וויסען. די ליפלעטס זיינען צו באקומען אין אָפיס פון עדיוקיישאָנאל דעפּארטמענט, 31 יוניאָן סקווער, רום 1003.

דער עדיוקיישאָנאל דעפּארטמענט ווינשט באקאַנט צו מאַכען, דאָס די קלאַסען אין ארבייטער־אוניווערזיטעט זיינען דאָס מאָל ארענזשירט געוואָרען בעסער ווי אַלע מאָל, און עס וועט געווים צופרידענשטעלען דעם וואונש פון אונזערע מעמבערס וואָס ווילען ווירקליך עפּעס לערנען.

זאָלען וואָס מעהר פון אונזערע מיטגלידער זיך באַנוצען מיט די קלאַסען, זיי זאָלען אונז שפּעטער דאַנקען.

* * *

„געזונד־אָוועגדען" אין די יוניטי סענטערס

נעקסטע וואָך פאַנגען זיך אָן די „געזונד־אָוונדען" אין אונזערע יוניטי סענטערס.

דיזע אָוונטען וועלען איינגעטיילט ווערען אין צוויי טיילען. איין טייל פון אָוונט וועט פארווענדעט ווערען אויף א לעקטשור איבער געזונט. די לעקטשורס וועלען געגעבען ווערען פון פראָמינענטע דאָקטוירים, איבער פארשיידענע געזונט־פראגען און וועלען זיין אינטערעסאַנט און באלעהרענד.

דער צווייטער טייל פון אָוונט וועט פארבראכט ווערען אין „דזשימנייזיום". דאָרט וועט זיין גוטע „פיזיקעל טריינינג לעהרער", וואָס וועלען לערנען ווי צו מאַכען פארשידענע קערפּערליכע איבונגען, צו האַלטען דעם קערפּער אין א געזונטען צושטאַנד.

עס איז איבעריג צו זאָגען, ווי וויכטיג עס איז פאר אונזערע מיטגלידער, וועלכע זיצען דאָס רוב דעם גאַנצען טאָג געבויגען אין שאָפּ, צו אויסגלייכען די ביינער, צו מאַכען קערפּערליכע איבונגען, וועלכע באלעבען דעם קערפּער און גייסט.

זייט וויסען, אז א געזונטער גייסט קאָן רוהען נאָר אין א געזונטען קערפּער; ענטוויקעלט ביידע, דעם גייסט און דעם קערפּער!

נעקסטע וואָך פאַנגען זיך אָן די „געזונט־אָוונטען" אין די פאָלגענדע סענטערס:

מאָנטאג אָוונט אום 5:30 — אין וועסט־סייד (ווייסט־מאכער) יוניטי סענטער פּאַבליק סקול 40, 320 איסט 20טע סט.

דינסטאג אום 8 אוהר: — אין איסט סייד יוניטי סענטער, פּאַבליק סקול 63, 4טע סט., לעבען 1טע עוועניו.

דאָנערשטאג אָוונט אום 7:30: — אין הארלעם יוניטי סענטער, פּאַבליק סקול 171, 103טע סט., לעבען 5טע עוו., און אין בראָנזוויל יוניטי סענטער, פּאַבליק סקול 84, סטאָון און גלענמאָר עוו.

דאָנערשטאג 8 אוהר אָוונט: — אין בראָנקס יוניטי סענטער, פּאַבליק סקול 54, פרימאַן סט. און אינטערוויל עוועניו.

טיקעטס צו האַלבע פּרייזען פאר די פּיפּעל׳ס פּלייערס"

מיר האָבען געמאכט ארענזשמענטס מיט די „פּיפּעל׳ס פּלייערס", צו באַקומען פאר אונזערע מיטגלידער טיקעטס צו האַלבע פּרייזען. די „פּיפּעל׳ס פּלייערס" שפּילען אין 15טע סטריט טעאַטער, צווישען 5טע עוועניו און בראָדוויי. עס ווערט דאָרט געשפּילט א פּיעסע אין דריי אַקטען פון טשאַרלס מעקיי.

אונזערע יוניטי סענטערס.

אונזערע יוניטי סענטערס זיינען דער פונדאַמענט אויף וואָס עס האַלט זיך די אינטערנעשאָנאַל. דער פונדאַמענט דאַרף זיין שטאַרק. דער הויכער כאַראַקטער פון די קלאַסען אין אונזערע יוניטי סענטערס דאַרף דעריבער אויפגעהאַלטען ווערען, ניט אכטענדיג אויף אַלע אונזערע אנדערע עדיוקיישאָנאַל טעטיגקייטען.

פאַנגט גלייך אָן ווידער צו געהן אין די קלאַסען פון די יוניטי סענטערס. מיר זעהען ניט איין, וואָרום אַלע אונזערע מיטגלידער וואָס דאַרפען זיך לערנען ענגליש, זאָלען זיך ניט באַנוצען מיט דער געלעגענהייט, וואָס מיר גיבען זיי די שפּראַך צו לערנען. די פּאָר ווערטער זיינען געריכטעט צו אַלע, וואָס האָבען שוין די קלאַסען פריהער באַזוכט, ווי צו די, וועלכע האָבען נאָך גאָר ניט אָנגעפאַנגען.

די וואָס זיינען אין די קלאַסען שוין געוועזן, זאָלען גלייך ווידער פאַרנעמען זייער אָרט. לענט ניט אָפּ אויף שפּעטער, טוט עס שוין!

מען קאָן זיך נאָך אנשליסען אָן די קלאַסען אין די יוניטי סענטערס

די מיטגלידער וואָס האָבען אָפּגעלייגט זיך איינצושרייבען אין די קלאַסען פון אונזערע יוניטי סענטערס, קאָנען נאָך איצט זיך אַנשליסען אָן אירגענד וועלכען קלאַס איהר ווילט. פאַרשרייבט זיך אין נאָהענטסטען יוניטי סענטער לעבען אייער וואוינונג.

די אַדרעסען פון די יוניטי סענטערס

איסט סאיד יוניטי סענטער — פּאַבליק סקוהל 63, 4טע סטריט, נעבען 1טער עוועניו.

ווייסטמאַכערס יוניטי סענטער — פּאַבליק סקוהל 40, 320 איסט 20טע סט.

הארלעם יוניטי סענטער — פּאַבליק סקוהל 171, 103טע סט., נעבען 3טע עוו.

בראָנקס יוניטי סענטער — פּאַבליק סקול 45, אינטערוויל עוו. און פרימען סטרים.

צווייטער בראָנקס יוניטי סענטער — פּאַבליק סקוהל 42, וואַשינגטאָן עוועניו און קלערמאָנט פּאַרקוויי.

וויליאַמסבורג יוניטי סענטער—פּאַבליק סקול 147, בושוויק עוו. און מעקיבען סט., ברוקלין.

בראָנזווילער יוניטי סענטער — פּאַבליק סקול 48, סטאָון און גלענמאָר עוו., ברוקלין.

רעדזשיסטרירען זיך און באַקומען אינפאָרמאַציע קאָנען אונזערע מיטגלידער אין אָפיס פון עדיוקיישאָנאַל דעפּאַרטמענט; 31 יוניאָן סקווער, רום 1003, און אין די אָפיסעס פון די לאָקאַל יוניאָנס.

די געשיכטע פון דער אמעריקאַנער ארבייטער באַוועגונג

(אויסצוגען פון לעקשורס אין די אינטערנעשאָנאַל יוניטי סענטערס).
פון מאַקס לעווין.

8טער לעסאָן.

די אינטערנעשאָנאַל לעידיס גארמענט וואָרקערס יוניאָן.

1. איינלייטונג.

1. די געשיכטע פון דער אינטערנעשאָנאַל לעידיס גארמענט וואָרקערס יוניאָן איז איינער פון די גלענצענדסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון די איינגעוואַנדערטע ארבייטער אין אמעריקע.

א. פּאַקטיש זיינען אַלע ארבייטער פון דער פרויען קליידער אינדוסטריע — אידישע אָדער איטאַליענישע אימיגראַנטען, מיט א צוגאָב פון סלאַווען און א קליינע צאָל אמעריקאַנער.

ב. די דאָזיגע איינגעוואַנדערטע ארבייטער האָבען קלאָר באַוויזען, אז זיי זיינען ניט קיין געפאַר פאר דעם „סטענדאַרד אָף ליווינג" פון די געבוירענע אמעריקאַנער ארבייטער. פּאַרקערט, זיי האָבען אומעטום געהאָלפען איינהאַלטען דעם דאָזיגען „סטענדאַרד" און אין א סך פאַלען האָבען זיי איהם אפילו געהויבען.

2. ערשט גאָר ניט לאַנג, אזוי ניט לאַנג, אז פילע פון אונז געדענקען דאָס נאָך, האָט די אינדוסטריע פון גרייטע פרויען קליידער זיך שטאַרק אנטוויקעלט. פריהער איז זי געווען א קליינע אינדוסטריע, איצט איז זי איינע פון די וויכטיגסטע און פאַרנעהמט א בכבוד'יגען פּלאַץ אין דעם עקאָנאָמישען לעבען פון'ם לאַנד.

3. ערשט גאָר ניט לאַנג, אזוי ניט לאַנג, אז מיר אַלע געדענקען דאָס נאָך, איז די ארבייטער פון דער אינדוסטריע געלונגען צו גרינדען און אויסצוהאַלטען די אינטערנעשאָנאַל לעידיס גארמענט וואָרקערס יוניאָן, וועלכע יעדער ארבייטער פריינט דאַרף באַטראַכטען מיט באַפרידיגונג, האָפנונג און שטאָלץ.

2. אורשפּרונג.

1. די קלאָוקמייקערס זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבען דורכגעבראָכען א וועג אין אָרגאַניזירען די פרויען קליידער אינדוסטריע.

2. סטרייקס האָבען זיך פריה אָנגעהויבען אין דער פרויען קליידער אינדוסטריע און אומגעלונגענע פּראָבען זיינען געמאַכט געוואָרען צו יוניאָניזירען די ארבייטער.

א. ארבייטס באַדינגונגען זיינען געוועזן שוידערהאַפט.

ב. ארבייטער געצוואונגען צו ארבייטען אין ענגע, אומגעזונטע שעפּער 16—18 שעה א טאָג.

ג. ווייזשעס קוים גענוגענד צו דערהאַלטען ביים לעבען.

ד. ארבייטער שטענדיג אויפגערעגט און גרייט צו סטרייקען.

3. אזוינע סטרייקס זיינען זעלטען געווען ערפאָלגרייך; אין צייט פון סטרייק האָבען זיך געבילדעט יוניאָנס, וואָס זיינען צופאַלען, ווען דער סטרייק האָט זיך געענדיגט.

4. דריי באַדינגונגען זיינען, מינדעסטענס, נויטיג כדי א סטרייק זאָל זיין ערפאָלגרייך:

א. באַשטימטע צילען און פאָדערונגען.

ב. אָרגאַניזירטע, ערפאַרענע פירערשאַפט.

ג. געוויסע פינאַנציעלע הילף און א פינאַנציעלער פונדאַמענט.

5. קיין איינציגע פון אָט די באַדינגונגען האָבען די ארבייטער ניט פאַרמאָגט אין יענע ערשטע צייטען פון שטרייט.

6. דער גרונט שטיין פון דער אינטערנעשאָנאַל לעידיס גארמענט וואָרקערס יוניאָן, קאָן מען זאָגען, איז געלייגט געוואָרען אין 1899.

א. אין יענעם יאָהר האָט א גרופּע ניו יאָרקער קלאָוקמייקער געגרינדעט מיט דער הילף פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען די אָפּערייטאָרס און קלאָוקמייקערס יוניאָן נומער 1".

ב. אָן דער שפּיץ פון דער יוניאָן איז געשטאַנען מר. באַראָנדעס, וואָס איז דעמאָלט געווען א פייערדיגער רעוואָלוציאָנער.

ג. אין א קורצע צייט האָט די יוניאָן שוין געהאַט 8,000 מיטגלידער און געוואונען עטליכע סטרייקס.

ד. די דאָזיגע יוניאָן איז געוואַקסען און געוואָרען אַלץ א גרעסערע געפאַר פאר דער הערשענדער סוועטינג סיסטעם".

ה. כדי צו ברעכען די דאָזיגע יוניאָן האָבען צעהן פון די דעמאָלסטדיגע גרעסטע מאַנופעקטשורערס זיך פאַראייניגט און אין 1890 ערקלערט א לאָקאַוט.

ו. דער דאָזיגער לאָקאַוט האָט אָנגעדויערט 5,000 ארבייטער און געדויערט 15 וואָכען. די ארבייטער האָבען פאָלשטענדיג געזיגט.

ז. ענליכע, קלענערע יוניאָנס האָבען זיך געגרינדעט אין אנדערע שטעדט. (פאָרטזעצונג פאָלגט).

אויפמערקזאַם: דאָס איז ניט קיין פאָלשטענדיגער לעסאָן. דאָס איז נאָר אן אינהאַלטס פאַרצייכניס, וואָס ניט דעם פּלאַן פון א פולען לעסאָן.

ערעפנונג פון אינטערנעשאָנאַל ארבייטער אוניווערזיטעט, 18 נאָוועמבער

פרייטאג אָוונט, דעם 18טען נאָוועמבער, וועט געפייערט ווערען די עפענונג פון אינטערנעשאָנאַל ארבייטער אוניווערזיטעט, אין אַדיטאָריום פון וואַשינגטאָן אירווינג הייַ סקול, אירווינג פּלייס און 16טע סט.

צו דער געלעגענהייט וועט געגעבען ווערען א שעהנער קאָנצערט און עס וועלען געהאַלטען ווערען באַלערנדע רעדעס. געניערעס וועגען דעם שפּעטער.

זייערע מעלות האָבען פערניכטעט פרייז און־טערשיעד אין סיגארעטס

ביעטש נאַט

סיגאַרעטס

איהר קענט ניט העלפען איהר מוזט די גלייכען

P. Lorillard Co.

20 פאַר 15¢

קוויטירונגען פון די קלאוק שעפער פאר דעם האלבען טאג ארבייט פאר סאוועט־רוסלאנד

(ווייטערע קוויטירונגען).

פראקין און ליבאווסקי, 44 וו. 28טע סט., דורך עלי קלארק, טשערמאן:

מ. ראזענבלום	4.80
וו. סיגעל	4.62
דזש. דווארקין	3.80
ב. וועקסלער	4.80
ע. קלארק	4.20
י. גארין	6.64
ב. פראקין	4.72
ד. בענאוויץ	4.00
ת. סמאלעראף	4.36
ל. וויטמאן	4.62
א. מארקוס	4.00
ק. טאמפסאן	2.25
ת. מאלביאו	3.80
ת. פעליגהאמער	3.80
ס. וועינער	3.80
ל. לעווין	2.00
ע. באקס	2.50
לינא	1.59
ג. שניידער	1.50
ס. גארסטען	1.77
ד. וויבצענטא	3.16
א. גארזש	1.80
מ. פלארענטא	2.80
אנזשעלינא	2.70
דזש. גראססא	3.00
פ. דעלוזיא	1.65
א. ראיאנא	2.40
מ. פעלס	3.53
דזש. קלארק	2.70
דזש. סווערדלאוו	5.00
מ. דווארקין	3.60
דזש. האדיש	3.60 — 119.50

פיט בעסט קלאוק קא., 151 וו. 30טע סטריט, דורך בלומער, טשערמאן:

גאלד	6.00
דזש. ראזען	6.35
פענער	6.17
יעלין	6.08
רעזניק	6.08
קאהען	6.08
אקין	6.35
העללער	5.80
ד. גאלדשטיין	5.27
ס. ראזען	6.35
הארי וויענער	6.08
האוויר	6.08
פריעד	5.80
בלומער	6.17
אדלער	5.62
סטיינקאווסקי	4.55
מעיר גאלדשטיין	5.00
דאק	5.00
בראנז	5.00
אליקא גאלדשטיין	5.45
אלבום	2.25
באטוויניק	1.00
דארא לעווין	2.00
סארא קאהען	4.00
סעידי	3.72
ראוס מילסטאון	1.50
גאטינא	3.00
פעסי	2.50
לעיא	2.50
האלצמאן	4.90
דייוו זעליגמאן	4.27
דייוו דראקער	7.00
	153.60

הײמאן און בינדער, 22 וו. 32טע סטריט, דורך י. שיף, טשערמאן 95.45

מעטראפאליטען אפערא האוז, 312 וו. 41טע סטריט:

מארא	5.00
סטראוס	4.00
א. גאסעמערסא	4.00
וו. גאסאמערסא	4.00
וואוירטץ	4.00
זאגער	4.00
בערמאן	4.00
אידאלאנאוויטץ	4.00
מיסס פריעד	4.00
מיסס מארדיאו	3.50
מיסס פלעישער	2.20
מיסס גראסמאן	2.20
מיסס טראזיא	2.20
מיסס פערמינא	2.20
מיסס מארינא	2.20
מיסס וואגין	2.20
מיסס וויטטי	2.20
מיסס גאטטי	2.20
מיסס פלין	2.00
מיסס פערקינס	2.50
מיסס בעדעסקי	2.25
מיסס מארינעללי	2.25
	67.10

פיט בעסט קלאוק קא. (באלאנס), דורך בלומער, טשערמאן — — .32

שיף און קארנבלום, 108 וו. 25טע סט., דורך א. עטקין, טשערמאן:

איזידאר קארנבלום	3.00
סעם אפלעדארף	3.00
ניימען באיארסקי	3.00
מעיער בעלזער	3.00
מאריס נאוויק	3.00
קאלמאן קירשענבאום	6.00
סעם עטקין	3.00
ל. קאטעל	3.00
אנזשעלינא גארוויא	3.00
זשעני לאזאפינא	3.00
סעם לאנגא	3.00
ת. קארנבלום	3.00
לינא שניידער	3.00 — 80.00

(ווייטערע קוויטירונגען קומט.)

עקזעקוטיוו באארד מיטינג פון לאקאל 25

א מיטינג פון דעם עקזעקוטיוו באארד פון דער ווייסטמאכער יוניאן לאקאל 25 איז אפגעהאלטען געווארען דעם 14טען אקטאבער, אין 16 וועסט 21טע סטריט.

דער פראטאקאל פון דזשוינט באארד פון דעם 7טען אקטאבער, ענטהאלטענדיג אן אויספירליכען באריכט וועגען דער יוניטי הויז ווערט פארגעלעזען און גוט געהייסען.

עס ווערט פארגעלעזען א צושריפט פון לאקאל 9, אין וועלכען אונזער עקזעקוטיוו באארד ווערט איינגעלאדען צו באטייליגען זיך אין דעם קאנפערענץ פון דער „לייבאר יוניאן קאאפעראטיווע ליג", וואס ווערט אפגעהאלטען דעם 15טען ד. מ. אונטער דער אויפזיכט פון דעם באטרעפענדען לאקאל. דער צושריפט ווערט גוט געהייסען און א קאמיטע ווערט ערוועהלט צו דיזען צוועק.

א צווייטער צושריפט פון דער יוניטי הויז קאמיטע ווערט פארגעלעזען. אין דיזען צושריפט לאזט די יוניטי הויז קאמיטע אונז וויסען וועגען זייער קאנצערט וואס זיי האבען ארגאנזשירט פאר דעם 28טען אקטאבער אין קארנעגי האל, און זיי לאדען איין אונזער עקזעקוטיוו באארד צו זיין אפיציעל פארטראטען ביי דיזער קאנפערענץ. עס ווערט באשלאסען צו נעמען א באקס, און א קאמיטע ווערט ערוועהלט צו דיזען צוועק.

וועגען אונזערע ברענטש מיטינגען באריכטעט דער סעקרעטער, אז די בראנזוויל און הארלעם ברענטשעס האבען אפגעהאלטען זייערע מיטינגען אין דער באשטימטער צייט און דער ברוקלין ברענטש האט געהאט א מיטינג מיט א וואך שפעטער, די אנדערע צוויי ברענטשעס האבען צוליב די ימים טובים נים געהאט קיין מיטינגען. פון די ערשטע צוויי ברענטשעס איז שוין אנגעקומען די אפיציעלע באריכטען, און די זעלבע ווערען אפגעלעגט ביז מיר וועלען הערען דעם רעזולטאט פון די איבעריגע ברענטשעס.

די ארגאניזאציאנס קאמיטע גיט אפ איהר באריכט און דער זעלבער ווערט פארהאנדעלט. אין וואמענהאנג מיט דיזען באריכט ווערט באשלאסען דאס פאלגענדע:

1) צו רופען א גענעראל מעמבערשיפ מיטינג אויף דאנערשטאג, דעם 27טען אקטאבער.

2) צו ערוועהלען א קאמיטע פון דער עקזעקוטיוו באארד, וועלכע זאל מיט דער ערלויבניש פון גענעראל מענעדזשער פון דזשוינט באארד באזוכען אלע שאפ מיטינגען פון די ווייסט שעפער און אויפפאדערען אונזערע מיטגלידער צו באזוכען די מעמבער מיטינגען.

3) אז יעדען מאנאט זאלען אפגעהאלטען ווערען מעמבער מיטינגען אויף פאלגענדען באזיס: איין מאל אין צוויי וואכען זאל אפגעהאלטען ווערען ברענטש מיטינגען און אין צוויי וואכען שפעטער זאל אפגעהאלטען ווערען אן אלגעמיינער מעמבער מיטינג. אזוי זאל פארקומען יעדען מאנאט.

דערמיט איז דער מיטינג געשלאסען געווארען.

טשארלס דזשייקאבסאן, סעק.

זומער אווענט

(ערצעהלונג).

פון ב. גלאזמאן

1.

רבקה איז געזעסען ביים עס־צימער און געשוויגען.

אויף איהר פאמעליכען און שטיל־גע־לאסענעם אופן האט זי געטראכט וועגען דאס שטיקעל נייעס, וואס איהרע חבר־טעס האבען איהר ערשט מיטגעטיילט:

— ער איז דא געווען, נאר ער איז שוין נישטא — אוועקגעפאהרען.

בלויז איין וואך איז ער דא געווען. און ווארום האט זיך עפעס גראד די וואך געזאלט באזוכען איהרע קרובים?

און איצטער איז ער שוין אוועקגעפאה־רען. איז רבקה געזעסען ביים עס־צימער טיש, און געשוויגען.

און אינ'ם ליכט פונ'ם עלעקטרישען לאמפ, וואוהין זי האט איהרע אויגען גע־ווענדעט, — זי, די שטענדיג בענקענדע נאך ליכט, — האבען זיך איהרע פייכטע אויגען געטוקט שוין פאר גאר א היבשע צייט נאכבערעם.

געטוקט זיך און שטיל געשוויגען.

דארטען, אינ'ם קיל און שטיל־לויכ־טענדען ראזען ליכט איז איהר אמוועניג־סטען געווען ארויסברענגען דאס געזיכט פונ'ם ערשט דא־געוועזענעם און שוין אוועקגעפאהרענעם.

דאס געזיכט פון איהם, דעם כמעט־פרעמדען און — פארוואס עפעס אזוי שטארק נאהענטען?

ווייל אזוי האט רבקה געטראכט בשעת איהרע פריינד, אויף איהר בקשה, האבען איהר א בויגעלע שרייב־פאפיר דערלאנגט, און דערנאך בשעת זי האט א היבש שטי־קעל־צייט איהם א בריף געשריבען, דער־ווייל נאך נים וויסענדיג, וואס זי שרייבט. אזוי האט זי געטראכט:

— קענען קען זי איהם דאך גאנץ ווענינ. הנם ווייסען — ט.ט.ווייסען ווייס זי איהם פיליכט א סך מעהרער... געזע־הען האט זי איהם בלויז דריי מאל, און דאס אויך — מיט אזעלכע לאנגע, און נאך לענגער דויערנדע צווישענצייטען! בלויז דריי מאל... אבער אלע מאל ביי אלץ אזעלכע באזונדערע אומשטענדען: צוויי מאל אויף עקסקורזשאן־שיפען און איין מאל אין א נעדיכט־בוימינען פארק...

און קוקענדיג אינ'ם שטיל־דאזוהען ליכט פונ'ם עלעקטרישען לעמפעל, איז איהר באזונדערס ערינג געווען צו ווייטער וועבען איהרע שטילע מחשבות. און אנ־נעכעהם איז עס איהר זיכער געווען — איין גאט ווייסט עס.

— ...און שוין פון ערשטען מאל — אין אזעלכע אינטים־פריינדליכע באציהונ־גען, ווי עס קאן זיך נאר פארלויפען אין א גרויסער שטאט, און מיט א געוויסען טיפ מענשליכע נשמות — „אה, דאמאלס איז ער דאך אויך פונ'ם זעלבען געוויסען טיפ" —לויפט איהר דורך א טרייסטענ־דער געדאנק.

און ווייטער טראכט זי:

— און דערהויפט נאך ביינאכט.

ווייל די אלע דריי מאל האט זי איהם ביינאכט באגעגנט. און שפעט ביינאכט. און אזוי אינטים־אויפגעטראגען זענען זיי געווארען איינער מיט'ן אנדערען, אזוי שטום און אהן ווערטער זיך אנטפלעקט איינער פאר'ן אנדערען, ווי זיי וואלטען פון לאנג איינס אויפ'ן אנדערען געגארט און געווארט.

געגארט א לאנגע, שוין גאר א לאנגע, אפילו פון זייערע עלטערע צייט. און די זו־מערדיגע נעכט האבען זיי צוזאמענגע־בראכט.

נאר ווען די בלייך־בלויע און טונקעל־בלויע נעכט זענען שוין געווען צערונען און אויסגעגאנגען אינ'ם טאג, איז איהר צייטענווייז — אין דער לאנגער, פול־קאר־לירענער צווישען־צייט, וואס פלעגט גלייך דעם פלאץ פון די אפטרעטענדיגע נעכט פארנעמען — שווער געווען איהם פאר די אויגען זיך פארצושטעלען, ווי ער וואלט גארניט עפעס רעאלעס געווען, עפעס ממשות'דיגעס.

האט זי געשמייכעלט:

— די גאנצע געשיכטע קלינגט עפעס ווי א חלום ווי א מעשה'לע...

אבער דאך, אין דער צווישען־צייט, דער לאנגער און נאך לענגער דויערענדער, פלעגט זי וועגען איהם, דעם נעכטינען און שטענדיגען, דענקען און טראכטען.

— און ער וועגען איהר?

אט וועגען דעם טאקע פלעגט זי אפט ספעקולירען און ליב האבען טראכטען וועגען דעם אין א געוויסער, איהר אנגענעמער, ריכטונג און אופן.

— און ווען אפילו זי שפילט אין זיין לעבען גאר קיין ראלע נים, און די לאנגע, און נאך לענגער דויערנדע צווישען־צייטען ציהען זיך שוין גאר נים אזוי לאנג פאר איהם — איז וואס?

דאך —

— געבענשט זאלען זיין די טונקעלע נעכט, ווען זיי זיינען אזוי אינטים־ליך־פריינד געווארען! און נאך מעהר גע־בענשט זאל זיין יענער, וועלכער האט איהר לעבען אזוי באדייכערט, און די לאנגע, און נאך לענגער דויערענדע צוויי־שען־צייטען מיט אזויפיל גאלדענע גערדאנ־קען און ווארימע שטונדען אנגעפיהלט...

דאס האט זי געטראכט בשעת איהרע פריינד, אויף איהר בקשה, האבען איהר א בויגעלע שרייב־פאפיר דערלאנגט, און אויך דערנאך, בשעת זי האט א היבש שטיקעל צייט איהם א בריף געשריבען, דערווייל נאך נישט וויסענדיג, וואס זי שרייבט.

אבער ווען זי האט דעם פארענדיגטען בריף איבערגעלעזען האט זי באמערקט, אז דאס איז עס טאקע, הגם אין עטוואס אנדערע ווערטער, וואס זי האט אין איהר בריף צו איהם אויסגעדריקט.

א גרוס און א דאנקזאגונג פון א בענ־קענדען הארץ.

איז רבקה געווען זעהר צופרידען מיט דעם גוטען אויסגאנג.

און פאמעליך־שמייכלענדיג, מיט איהרע שטיל־געלאסענע באוועגונגען האט זי אנגעהויבען צונויפצולעגען דעם בריף, דעם בריף צו איהם.

— וואלט זי געוועז קומען אין צייט...

2.

עס האט זיך דערהערט א קלונג, און באלד נאכדעם א פריידיג, איבערראשט אויסגעשריי פון איהרער א חבר'טע.

— עמיצער איז אריינגעקומען.

וואס איז אייגענטליך געשעהען?

גארנישט איז געשעהען:

— איבער עפעס אן אורזאך, איינע פון יענע טויזענט און איינס אורזאכען, וואס פאסירען אזוי אפט, שוין צו אפט, אין לעבען, האט ער געמוזט פארבלייבען אין שטאט אויף נאך א פאר טעג. נו, איז ער געקומען געוואהר ווערען נאך אמאל, וואס זיינע פריינד מאכען. האט עמיצער עפעס דאגעגען?

נו, זיכער, קיינער נישט... מען האט אנגעהויבען ארומטאנצען און ארומשפרינ־גען ארום איהם, ווי ארום איינעם, וועל־כער איז אקארשט תחית-המתים אויפגע־שטאנען. דאס אומערווארטעט איז גע־שעהען.

אבער גארנישט אומערווארטעט האט פאסירט, ווען ער האט איהר, רבקה'ן דער־זעהען, גלייך ווי ער וואלט איהר ערשט נעכטען צום לעצטען מאל באגעגנט.

און אז ער האט זיך מיט איהר, מעשה אלטער גוטער פריינד, באגריסט, האבען איהרע חבר'טעס איהם, מיט א ביטערען שמייכעל און א שעלמישען אויגען-וואונק אין איהר ריכטונג, געלאזט וויסען:

—ווארום ביזטו געקומען צוריק אזוי שנעל? זי שרייבט דאך דיר א בריף...

ער האט זיך געלאזט צו איהר. נאר עס איז שוין געווען צו שפעט. זי האט מיט שרעק דעם בריף צונעכאפט און איהם ביי זיך באהאלטען. זי האט זיך געררויטעלט, געפלאטערט ווי א מוטער־פויגעלע איבער איהרע עופ'עלעך.

האט ער זי, זעהר גלייכגילטיג, גע־לאזט צורוה.

צוויי שטונדען איז ער דארט געזעסען. און צוויי שטונדען האט זי איהם, פון איר שטילען ווינקעלע באטראכט.

ער האט גערעדט, געשפאסט, געווען קלוג-בייסיג, סארקאסטיש, און פון צייט צו צייט זיך אין א ספאזם פון געלעכטער פאנאנדערגעשאלען.

—איהם איז גוט. באזונדערס גוט. גארנישט פעהלט איהם. ווארום זאל ער נישט לאכען?

ער האט שוין צופיל געלאכט.

און איהר — און עס איז געווען זעהר קענטיג, אז בלויז פון ערלעקיים וועגען — פלעגט ער מאנכעסמאל א פראגע צוווארפען, איין און דיזעלביגע פראגע:

— נו, וואס־זשע מאכט זי פארט? און דאס אלעס.

איהר, וועמען ער האט אזוי נאהענט געוואוסט. איהר... איהר.

האט ער טאקע קיין ענטפער נישט גע־קראגען. עפעס איז איהר געשטאנען אין האלז.

אין דער שטיל האט זי געגלעט דעם באהאלטענעם בריף, געווארימט עס מיט איהר גוף ערגעץ אין דער פינסטערניש.

נאר מיטאמאל פלעגט ער אנטשוויגען און בלייך ווערען: פלעגט זיך ערשעפען.

זי פלעגט עס מיט וואס פאר א פרייד באמערקען! און האט איהם אין איין מי־נוט אלץ מוחל געווען.

און אז זיין שווייגען האט לענגער אנ־געהאלטען, האבען זיך איהרע חבר'טעס אנגעהויבען פיהלען זעהר אומבאקוועם. האבען זיך געפיהלט צעטומעלט, זיך נים געקאנט אפוואונדערען פון דיזער פלוצ־לונגדיגער ענדערונג זיינער.

און בשעת זיי, די חבר'טעס, האבען זיך אויף די שטוהלען געדרעהט, האט זי, רבקה, קוקענדיג אויפ'ן עלעקטרישען ליכט, וועלכער האט זיי ביידען אין א פארלעגענהייט געזעצט, וועגען זיך און איהם אזוי געטראכט:

— מיר זיינען נאכטיגע פויגעל... און אונזער ביינקשאפט נאך ליכט — איז עס נישט גראד מחמת אונזער פיהלען זיך באקוועם און אין דערהיים, אין דער פינס־טערניש? איז עס נישט דאס ביינקען

(שלוס אויף זייט 15).

מיטגלידערשאפט פון אונזערע לאקאלס אויף דער פראווינץ

פון אלעקסאנדער טראכטענבערג
(דירעקטאר רעקארדס און ריסוירטש דעפארטמענט, א. ל. ג. וו. י.)

3.

אין די פריהערדיגע ארטיקלען האבען מיר באטראכט דעם רעזולטאט פון אונזער לעצטען צענזוס, אין באצוג די מיטגלידערשאפט פון די ניו יארקער לאקאלס, ווי ווייט די מיטגלידער זיינען גוטשטעהענד אין זייער דיוס־צאהלען. א פארגלייך איז אויך געמאכט געווארען צווישען די רעזולטאטען פון דעם צענזוס און די פריהערדיגע. עס איז אויך אנגעוויזען געווארען דער אינטערעסאנטער פאקט — וואס איז באוויזען געווארען דורך דעם איצטיגען צענזוס, דאס דער פראצענט פון די גוטשטעהענדע מיטגלידער אין די לאקאלס פון ניו יארק האט זיך פארגרעסערט, ניט אכטענדיג די שלעכטע צייט אין די פאכען.

איצט וועלען מיר טאן דאס זעלביגע מיט די אינטערנעשאנאל לאקאלס אויף דער פראווינץ. א חוץ אין ניו יארק, האט די אינטערנעשאנאל שטארקע לאקאלס אין אנדערע שטעט אויף דער פראווינץ, אין די צענטערען פון דער ליידיס גארמענט אינדוסטריע. און עס וועט זיין אינטערעסאנט צו זעהען, ווי אזוי עס שטעהען די „קאנטרי לאקאלס" אין פארגלייך מיט די וואס פון ניו יארק.

פילאדעלפיע

באטראכטענדיג די שטארקהייט פון די דזשאינט באארדס אין דער אינטערנעשאנאל, קומט פילאדעלפיע נעקסט צו ניו יארק אין וויכטיגקייט.

אין פילאדעלפיע זיינען דא פינף לאקאלס: לאקאל 2, קלאוק אפרייטארס; לאקאל 53, קלאוק קאטערס; און לאקאל 69, קלאוק פינישערס, שטעלען צוזאמען דעם דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן. לאקאל 15 איז די וועיסט און דרעסמאכער יוניאן און לאקאל 76 איז די קאסטיום דרעסמאכער יוניאן.

דער דורכשניטליכער שטאנד פון די מיטגלידער פון די פילאדעלפיער דזשאינט באארד לאקאלס, וואס זיינען שולדיג דיוס צווישען 1 און 26 וואכען, איז 91.9 פראצענט. דער קאטערס לאקאל האט 93.2 פראצענט און דער פינישערס לאקאל האט 92.1 פראצענט.

דער דורכשניט פון גוטשטעהענדע מיטגלידער פון די דזשאינט באארד לאקאלס אויפ'ן באזיס פון 1 ביז 13 וואכען, גיט דעם אפרייטארס לאקאל 75.3 פראצענט; דעם קאטערס לאקאל 70.7 פראצענט און דעם פינישערס לאקאל 64.8 פראצענט.

דער וועיסט און דרעס לאקאל 15 האט 77.4 פראצענט פון זיינע מיטגלידער, וועלכע קומען אונטער דעם פעריאד פון 1 ביז 26 וואכען; און 64.9 פראצענט אין דעם פעריאד פון 1 ביז 13 וואכען.

דער קאסטום דרעסמאכער לאקאל האט 80.3 פראצענט פון זיינע מיטגלידער אין דער ערשטער קאטעגאריע און 69.7 פראצענט אין דער צווייטער קאטעגאריע.

דער דורכשניטליכער שטאנד פון דער מיטגלידערשאפט פון אלע לאקאלס אין פילאדעלפיא איז, אלזא: 84.3 פראצענט אויפ'ן באזיס פון 26 וואכען און 68.6 פראצענט אויפ'ן באזיס פון 13 וואכען.

שיקאגא

דער נעקסטער צענטער איז שיקאגא. דארט זיינען דא אכט אינטערנעשאנאל לאקאלס, וועלכע ענטהאלטען קלאוקמאכער, דרעס און וועיסטמאכער, ריינקאוט מאכערס און ליידיס טיילארס.

דער דזשאינט באארד פון שיקאגא האט שטרענג דורכגעפיהרט דעם פונקט פון דער קאנסטיטוציע אין באצוג דער גוטשטעהונג פון די מיטגלידער און דער דורכשניטליכער פראצענט פון זיינע מיטגלידער אויף דעם באזיס פון 26 וואכען איז 97.3 פראצענט. צוואווארפען אויף די באזונדערע לאקאלס קומט אויס: פארלייט 100 פראצענט: די פרעסער 99.8 פראצענט; די אפרייטארס 98.6 די פינישערס 96.5 פראצענט; די קאטערס 95.6 פראצענט; די ריינקאוט מאכערס 86.5 פראצענט; די דרעס און וועיסטמאכער 90.8 פראצענט און די ליידיס טיילארס 95.9 פראצענט. דאס איז אויף דעם באזיס פון 1 ביז 26 וואכען.

איצט לאמיר זעהען ווי עס האלט לויט דעם צווייטען פעריאד, פון 1 ביז 13 וואכען.

דער דורכשניט פון די זעקס דזש. באארד לאקאלס, לויט דעם צווייטען פעריאד איז 78.5 פראצענט. לויט די באזונדערע לאקאלס מאכט עס אויס: די פרעסערס 87.8 פראצענט; די אפרייטארס 80.8 פראצענט; די פארמען 77.4 פראצענט; די קאטערס 76.1 פראצענט; די פינישערס 73.5 פראצענט; די ריינקאוטמאכער 72.1 פראצענט.

אלזא, דער דורכשניט פון דער גוטשטעהענדער מיטגלידערשאפט אין די אלע אכט שיקאגא'ער לאקאלס מאכט אויס: לויט דעם פעריאד פון 1 ביז 26 וואכען — 95.4 פראצענט. לויט דעם פעריאד פון 1 ביז 13 וואכען — 75.3 פראצענט.

קליוולאנד

דער דורכשניט פון די גוטשטעהענדע מיטגלידער אין די זעקס אקטיווע לאקאלס וואס שטעלען צונויף דעם דזשאינט באארד איז 87.4 פראצענט לויט דעם באזיס פון 1 ביז 26 וואכען. צוטיילט אין די באזונדערע לאקאלס, זיינען די שניידער די ערשטע אין רייהע מיט 94.2 פראצענט. דאן קומען די סקוירטמאכער מיט 93.9 פראצענט; די אפרייטארס מיט 89.6 פראצענט; די פרעסער מיט 89.2 פראצענט; די קאטערס מיט 86.2 פראצענט און די פינישערס מיט 86.1 פראצענט.

דער דורכשניט אין דיזע לאקאלס לויט דעם צווייטען פעריאד פון 1 ביז 13 וואכען איז 55.2 פראצענט. איינגעטיילט לויט די באזונדערע לאקאלס מאכט עס אויס: די סקוירטמאכער 66.7 פראצענט; די קאטערס 66.5 פראצענט; די שניידערס 65.2 פראצענט; די פרעסערס 56.7 פראצענט; די פינישערס 54.6 פראצענט; די אפרייטערס 50.7 פראצענט.

באסטאן

אין באסטאן האט די אינטערנעשאנאל זיבען לאקאלס. פיר לאקאלס פון קלאוקמאכער, איין לאקאל פון וועיסט און דרעסמאכער, א ליידיס טיילארס לאקאל און א ריינקאוט מאכער לאקאל.

דער דורכשניט פון די גוטשטעהענדע מיטגלידער אין אלע זיבען לאקאלס, לויט דעם באזיס פון 26 וואכען, איז 81.4 פראצענט.

צוטיילט אויף די באזונדערע לאקאלס קומט אויס: דער פרעסער לאקאל האט 89.9 פראצענט. דער קאטערס לאקאל, 87.2 פראצענט. דער אפרייטארס לאקאל, 83.8 פראצענט. דער סקוירט מאכער לאקאל 81.4 פראצענט. די דרעסמייקערס 79.8 פראצענט. און די ליידיס טיילארס 67 פראצענט.

לויט דעם באזיס פון 1 ביז 13 וואכען קומט אויס, אין די אלע זיבען לאקאלס 52.4 פראצענט. די באזונדערע לאקאלס קומען אין דער קאטעגאריע ווי פאלגט: די ריינקאוטמאכער מיט 68.2 פראצענט; די קאטערס מיט 61.7 פראצענט: די פרעסערס מיט 57.8 פראצענט. די סקוירט־מאכער מיט 52.5 פראצענט. די אפרייטארס מיט 44.1 פראצענט, און די ליידיס טיילארס מיט 39.6 פראצענט.

מאנטרעאל

דער דורכשניט פון די גוטשטעהענדע מיטגלידער אין די מאנטרעאל לאקאלס איז 82.2 פראצענט אויף דעם באזיס פון 26 וואכען און 47.0 פראצענט אויף דעם באזיס פון 13 וואכען.

די ערשטע אין רייהע זיינען די פרעסער מיט 91.3 פראצענט. דאן קומען די קאטערס מיט 80.2 פראצענט, די ריינקאוטמאכער מיט 64.2 פראצענט, די פינישערס מיט 53.8 פראצענט.

אונטער דעם באזיס פון 13 וואכען קומען ווידער צוערשט די פרעסער, מיט 63.1 פראצענט; די קאטערס מיט 47.5 פראצענט; די אפריטארס מיט 47.3 פראצענט; די ריינקאוטמאכער מיט 34.7 פראצענט, און די פינישערס מיט 26.9 פראצענט.

באלטימאר

די דריי לאקאלס וואס מיר האבען אין באלטימאר האבען געוויזען א דורכשניט פון גוטשטעהענדע מיטגלידער 82.2 פראצענט אויף דעם באזיס פון 26 וואכען. די אפרייטארס קומען צוערשט מיט 90.2 פראצענט, די קאטערס מיט 87.5 פראצענט און די פינישערס מיט 63.0 פראצענט.

אויף דעם באזיס פון 13 וואכען קומען צוערשט די קאטערס מיט 68.8 פראצענט, די אפרייטארס מיט 60.4 פראצענט און די פינישערס מיט 28.8 פראצענט.

סינסינעטי

דער דורכשניט פון די גוטשטעהענדע מיטגלידער אין די דריי לאקאלס אין סינסינעטי איז געווען 95 .2 פראצענט אויף דעם באזיס פון 26 וואכען און 69.8 פראצענט אויף דעם באזיס פון 13 וואכען.

אין דער ערשטער קאטעגאריע קומען די פרעסער מיט 98 פראצענט, די קאטערס מיט 97.2 פראצענט, און די אפערייטארס מיט 94.4 פראצענט.

אין דער צווייטער קאטעגאריע קומען צוערשט די קאטערס מיט 88.9 פראצענט, די אפרייטארס מיט 67.9 פראצענט און די פרעסערס מיט 66.0 פראצענט.

טאראנטא

אין טאראנטא, קענעדע איז די גאנצע מעמבערשיפ פון די דריי לאקאלס וואס שטעלט דארט צונויף דעם דזשאינט באארד גאנצע 100 פראצענט גוטשטעהענדיג, אי לויט דעם באזיס פון 26 וואכען, אי לויט דעם באזיס פון 13 וואכען. דאס איז דערפאר וואס די לאקאלס אין טאראנטא האלטען ניט אויף די ביכער קיין מיטגלידער וואס זיינען שולדיג דיוס מעהר פון 13 וואכען.

סט. לואיס

אין סט. לואיס האבען מיר צוויי לאקאלס. אויפ'ן באזיס פון 26 וואכען האבען די לאקאלס א גוטשטעהענדע מיטגלידערשאפט פון 82.6 פראצענט, און אויף דעם באזיס פון 13 וואכען — 44.0 פראצענט.

יעדער לאקאל באזונדער קומט אויס אזוי: די קאטערס האבען א דורכשניט פון 87.7 פראצענט אויפ'ן באזיס פון 26 וואכען, און 38.6 פראצענט אויפ'ן באזיס 13 וואכען. די אפרייטארס האבען 81.5 פראצענט אויפ'ן באזיס פון 26 וואכען און 45.2 פראצענט אויפ'ן באזיס פון 13 וואכען.

טאלידא

די צוויי לאקאלס אין טאלידא האבען א דורכשניט פון 82.8 פראצענט אויפ'ן באזיס פון 26 וואכען און 54.5 פראצענט אויפ'ן באזיס פון 13 וואכען.

באזונדער האבען די לאקאלס: די אפרייטארס — 84.7 פראצענט אויפ'ן באזיס פון 26 וואכען און 45.5 פראצענט אויפ'ן באזיס פון 13 וואכען. די קאטערס האבען 62.5 פראצענט אויפ'ן באזיס פון 26 וואכען און 25.0 פראצענט אויפ'ן באזיס פון 13 וואכען.

אין פארשיידענע שטעט

איצט וועלען מיר באטראכטען די 19 אנדערע לאקאלס, וועלכע זיינען צעווארפען אין פארשיידענע שטעט, וואו עס איז ניטא קיין דזשאינט באארד. דער שטאנד פון די מיטגלידער אין יענע לאקאלס, אין באצוג זייער דיוס אויפ'ן באזיס פון 26 וואכען איז ווי פאלגט:

דער ליידיס גארמענט וואירקערס לאקאל פון סאן פראנציסקא האט געהאט 96.2 פראצענט. דער קאטערס לאקאל פון דארט האט געהאט 80.0 פראצענט. די ליידיס טיילארס פון סיאטעל, 78.0 פראצענט. די קארסעט מאכער פון ברידזשפארט, 34.5 פראצענט. די קארסעט קאטערס פון ברידזשפארט 84.6 פראצענט. די קלאוקמאכער פון לאס אנדזשעלעס 90.8 פראצענט. די ליידיס טיילארס פון לאס אנדזשעלעס, 85.3 פראצענט און די דרעסמאכער פון דער זעלבער שטאט 70.9 פראצענט. די קלאוקמאכער פון וואוסטער, מאס., 92.2 פראצענט. די ליידיס טיילארס פון פארטשעסטער 90.9 פראצענט. די ליידיס טיילארס פון סטעמפארד 86.3 פראצענט. די ליידיס גארמענט וואירקערס פון מאונט ווערנאן 86.2 פראצענט. די ריינקאוט מאכער פון רייסין, וויסקאנסין, 55.7 פראצענט. די וועיסט און דרעסמאכער פון נוארק 95.3 פראצענט. די ליידיס גארמענט וואירקערס פון קלינטאן, אהייא, 88.9 פראצענט. די ליידיס גארמענט וואירקערס פון ראטשעסטער 52.4 פראצענט. די ליידיס גארמענט וואירקערס פון פאטערסאן, 74.0 פראצענט. די קלאוקמאכער פון סטעמפארד 77.2 פראצענט, און די ליידיס גארמענט וואירקערס פון העקענסאק 96.2 פראצענט.

אויף דעם באזיס פון 13 וואכען לויפען דיזע לאקאלס פראפארציאנעל ווי די אנדערע לאקאלס.

אלזא, דער דורכשניט פון די ניינצען לאקאלס, לויט דעם באזיס פון 26 וואכען, איז 77.8 פראצענט און אויף דעם באזיס פון 13 וואכען 54.7 פראצענט.

די פאלגענדע טאבעלען ווייזען דעם פראצענט פון דער גוטשטעהענדער מיטגלידערשאפט אין די פארשיידענע שטעט, לויט די צוויי באזיסען, פון 26 וואכען און פון 13 וואכען.

טייבל 1. צושטאנד פון מיטגלידערשאפט פון דזשוינט באארד און פארשידענע לאקאלס אויפ'ן באזיס פון 26 וואכען. צענזוס ערשטער דזשולי, 1921

	שטעט	פראצענט
1	טאראנטא	100.0
2	שיקאגא	95.4
3	סינסינאטי	95.2
4	ניו יארק	87.9
5	קליוולאנד	87.4
6	באלטימאר	84.5
7	פילאדעלפיע	84.3
8	טאלידא	82.8
9	סט. לואיס	82.6
10	מאנטריאל	82.2
11	באסטאן	81.4
12	אנדערע שטעט	77.8
	דורכשניט	87.6

טייבל 2. צושטאנד פון מיטגלידערשאפט פון דזשוינט באארד און פארשידענע לאקאלס אויפ'ן באזיס פון 13 וואכען. צענזוס ערשטער דזשולי, 1921

	שטעט	פראצענט
1	טאראנטא	100.0
2	שיקאגא	75.3
3	סינסינעטי	69.8
4	פילאדעלפיע	68.6
5	קליוולאנד	55.2
6	אנדערע שטעט	54.7
7	באלטימאר	54.2
8	באסטאן	52.4
9	טאלידא	52.1
10	מאנטרעאל	47.0
11	סט. לואיס	44.0
12	ניו יארק	40.8
	דורכשניט	45.7

שלוס־ווארט

ווי עס איז שוין פריהער אנגעמערקט געווארען, לויפט טאראנטא די ערשטע אין ליין מיט איהרע 100 פראצענט. אבער דארט קומט פאר א רעארגאניזיישאן, דער צושטאנד איז ניט נארמאל און דאס דארף גענומען ווערען אין אנבאטראכט.

באמערקענסווערט איז שיקאגא, וועלכע קומט נעקסט אין ליין, לויט ביידע קאטעגאריען, פון 26 און פון 13 וואכען. שיקאגא האלט זיך סטריקט ביי דער קאנסטיטוציאנעלען פונקט אין באצוג דיוס צאהלונג. לויט דעם לעצטען צענזוס האט שיקאגא דעם גרעסטען פראצענט גוטשטעהענדע מיטגלידער.

דעם נעקסטען פלאץ פארנעמט סינסינעטי, און אויך לויט ביידע קאטעגאריעס, פון 26 און פון 13 וואכען.

דאן קומט ניו יארק, קליוולאנד, באלטימאר, פילאדעלפיע, טאלידא, סט. לואיס, מאנטרעאל, באסטאן און די אנדערע שטעט.

דער דורכשניטליכער פראצענט פון די גוטשטעהענדע מיטגלידער אין דער גאנצער אינטערנעשאנאל איז — 87.6 פראצענט אויף דעם באזיס פון 26 וואכען און 45.1 פראצענט אויף דעם באזיס פון 13 וואכען. אין אנדערע ווערטער, כמעט ניין־צעהנטעל פון אונזער גאנצער מיטגלידערשאפט געפינט זיך אין דעם קאנסטיטוציאנעלען שטאנד, לויט דעם באזיס פון 26 וואכען און ארום א העלפט שטעהען נאך א סך בעסער. נעמענדיג אין באטראכט, דאס דער איצטיגער צענזוס איז געמאכט געווארען אין אזא שלעכטער צייט, ווען אונזערע אינדוסטריען געפינען זיך אין אזא שטילשטאנד, און פארגלייכענדיג דעם איצטיגען פראצענט פון די גוטשטעהענדע מיטגלידער מיט'ן פראצענט פון לעצטען צענזוס, איז עס א סך בעסער ווי מען האט געקאנט דערווארטען.

דער פריהערדיגער צענזוס האט געוויזען א דורכשניט פון 74 פראצענט לויט דעם באזיס פון 26 וואכען און א דורכשניט פון 39 פראצענט לויט דעם באזיס פון 13 וואכען. דער פראצענט פון דער גוטשטעהענדער מיטגלידערשאפט איז, אלזא, איצט כמעט 14 פראצענט העכער לויט דעם באזיס פון 26 וואכען, און מעהר פון 6 פראצענט העכער לויט דעם באזיס פון 13 וואכען. דערפאר דארף געלויבט ווערען אי די לאקאלס, אי די מיטגלידערשאפט.

עמא דעסטין ביי די וועיסטמאכער

עמי דעסטין, די בארימטע זינגערין פון מעטראפאליטאן אפערא הויז, און נאך אנדערע באוואוסטע קינסטלער פון דער מוזיקאלישער וועלט, וועלען אייטנטייל נעמען אין א קאנצערט, דעם פרייטאג אווענט, אין קארנעגיע האל, פאר דעם בענעפיט פון דער יוניטי הויז פון די וועיסטמאכער.

זאלען די פריינט פון די יוניטי הויז נים פארפעלען זיך צו באזארגען מיט טיקעטס פאר דעם קאנצערט. נעמט א פאר טיקעטס מער ווי איר דארפט פאר זיך און פארקויפט זיי אייערע פריינט, זיי וועלען אייך דערפאר דאנקען.

וועגען דעם. ערשט לעצטע וואך זיינען אלע אונזערע צייטונגען פול געווארען מיט דעם סאקא וואנזעטי פראצעס. ערשט איצט האט זיך דער אמעריקאנער עולם דערוואוסט וועגען צוויי איטאליענער, סאקא און וואנזעטי, וועלכע זיצען אין פריזאן, פאראורטיילטע צום טויט.

***

ווארום אזא ביז איצטיגער שטיל־שווייגען איבער דעם סאקא־וואנזעטי פראצעס, און מיט אמאל אזא געפילדער? די זאך ערקלערט זיך גאנץ איינפאך. סאקא און וואנזעטי זיינען, ניט פאר אייך געדאכט, „רויטע“, קאמוניסטען; זיי האבען פארשפרייט קאמוניסטישע הענדבילס, זיי האבען געפרעדיגט די סאציאלע רעוואלוציע אין אמעריקע, טא וואס איז דא פיל צו ריידען וועגען דעם פראצעס פון אזעלכע „קערלען“? יע שולדיג, ניט שולדיג, וואס גיכער מען וועט פון זיי פטור ווערען, און אהן אן איבעריגען געפילדער, אלץ בעסער און שעהנער. נאר אט האט מען זיך דערוואוסט וועגען דעם סאקא־וואנזעטי פראצעס אין יוראפ, האבען די פאריזער קאמוניסטען באשלאסען צו מאכען א סוף צו דער קאנספיראציע פון שטיל־שווייגען פון דער אמעריקאנער פרעסע. זיי האבען פאראנשטאלטעט גרויספולע דעמאנסטראציעס. זיי האבען געשיקט בריף פול מיט סטראשונקעס צו אלע אמעריקאנער טשינאוניקעס אין פראנקרייך, און, אה, וואונדער איבער וואונדער, דער סאקא־וואנזעטי פאל איז מיט אמאל געווארען גאנץ פאפולער; ער פארנעהמט די ערשטע זייט פון דער צייטונג, און די מעשה פון דעם סאקא־וואנזעטי פראצעס ווערט ערשט איצט דערצעהלט אין זייערע עדיטאריעלס.

***

די געשיכטע ווידערהאלט זיך. מיט א פאר יאהר צוריק איז געווען דאס זעלבע מיט דעם מוני פראצעס אין סאן פראנציסקא. אויך דאן האט אונזער פרעסע גאר ניט געוואוסט פון דעם גאנצען מוני פראצעס, פון דער גאנצער שענדליכער פראצעדורע, ווי אזוי בילינגס און מוני זיינען אומשולדיגערהייט פאראורטיילט געווארען צום טויט. מען האט זיך אבער וועגען דעם דערוואוסט אין פעטראגראד, ווען די רוסישע רעוואלוציע איז נאך געווען יונג, און די פעטראגראדער ארבייטער האבען פאראנשטאלטעט א גרויסע דעמאנסטראציע געגען דעם דאמאלדיגען אמעריקאנער אמבאסאדאר, און, מען מעג עס זאגען מיט באשטימטהייט, אז עס איז געווען אט די דעמאנסטראציע, וואס האט דעם אומשולדיגען מוני געראטעוועט פון טויט, כאטש ער און זיין חבר בילינגס שמאכטען נאך איצט אין פריזאן.

***

עס איז צו ערווארטען, אז דאס זעלבע וועט איצט געשעהן מיט סאקא און וואנזעטי. דער פאל האט ארויסגערופען די אויפמערקזאמקייט פון דער וועלט, און דער קרעדיט קומט די פאריזער קאמוניסטען. יע אדער ניט איינפארשטאנען מיט זיי, אבער עס מוז צוגעגעבען ווערען, אז ווען ניט זיי וואלטען סאקא און וואנזעטי פארשוואונדען פון דער וועלט און קיין האן וואלט אפילו ניט געקרעהט. איצט, אז עס וועט זיי באווילינגט ווערען אן אפיל צו א העכערען געריכט, וועט די גאנצע וועלט זיצען אלס דזשורי און, אויב סאקא און וואנזעטי זיינען ווירקליך אומשולדיג, אין וואס מיר צווייפלען קוים, וועלען זיי מוזען באפרייט ווערען. וואס עס וואלט ניט געווען דער פאל, ווען די פאריזער קאמוניסטען וואלטען ניט געטאן דאס, וואס זיי האבען געטאן. אונזערע צייטונגען מעגען טאקע כלומרשט זיך שטעלען אין א פאזע און פראטעסטירען, ווי סטייטש, מען זאל זיך אננעמען פאר אזעלכע מערדער, וועלכע זיינען געפונען געווארען שולדיג אלס מערדער פון אן ערליכער דזשורי און א נאך מעהר עהרענהאפטען דזשאדזש? ווייס דען ניט די גאנצע וועלט, ווי שטרענג עס ווערט אפגעהיט די גערעכטיגקייט אין אמעריקע? ווייס זי דען ניט, אז מעג איינער זיין דער ערגסטער פארברעכער, קריגט ער אבער א „פעיר טרייעל“? אבער די פאזע העלפט גאנץ ווייניג. צום גליק ווייס די אויסערליכע וועלט יע א ביסעל פון אונזערע פעיר טרייעלס. זי ווייס פון די הונדערטע אומשולדיגע, וואס שמאכטען נאך איצט אין די פריזאנס נאך אזעלכע „פעיר טרייעלס“, און ווייס, וואס זי האט צו דאנקען פון דעם פרומען אנשטעל פון אונזער פרעסע.

***

יע, דאס מאל, כאטש דאס טרעפט אזוי זעלטען, האבען די פראנצויזישע קאמוניסטען אויפגעטאן א זעהר גוטע זאך. זיי, מיט זייער דעמאנסטראציע, און פילע גרויסע בארימטע מענשען, ווי אנאטאל פראנס, ראמען ראלאנד און הענרי בארבוסע, מיט זייער אפיל דירעקט צו פרעזידענט הארדינג, וועלען איצט אויפטאן געוויס דאס, וואס דיזע צוויי קאמוניסטען וועלען איצט יע קריגען א „פעיר טרייעל“, וואס וואלט בשום אופן ניט געווען דער פאל אונטער געוויינליכע אומשטענדען, דורך דער פארשוויינונגס־פארשווערונג פון אונזער זעהר „עהרענהאפטער“ פרעסע.

די הויפט פראגע אין דעם באהן סטרייק

פון א. זעלדין.

די באהן פראגע איז שוין ווידער אויף דער טאג־ארדנונג, און דעם מאל אין א דראמאטישער פארם. עס איז געווארען א פראגע פון א גענעראל סטרייק, וואס דראהט צו פאראליזירען דעם גאנצען טראנספארט פארקעהר און במילא די גאנצע אינדוסטריעלע טעטיגקייט — מיט איין ווארט, עס דראהט, ווי די קאפיטאליסטישע פרעסע שטעלט עס פאר — מיט א קאטאסטראפע!

עס פארשטעהט זיך, אז צו אזא מין שרעקליכער זאך, ווי א גענעראל סטרייק אויף די באהנען, קען שוין קיינער ניט בלייבען גלייכגילטיג, אפילו ניט די פעדעראלע רעגירונג. עס געהען אן אומאויפהערליך פארהאנדלונגען. די ריילראוד לייבאר באארד און די אינטערסטייט קאמערס קאמישאן, צוויי רעגירונגס ביוראס, זיינען געווארען זעהר טעטיג. קאנפערענצען ווערען אפגעהאלטען אויף קאנפערענצען. די צייטונגען פארשלינגען יעדען ווארט וואס אימיצער פון די באהן מאגנאטען אדער פון די באהן־יוניאנס פיהרער גיט ארויס פאר דער עפענטליכקייט. עס זעהט אויס, אז אלץ ווערט געטאן צו פארמיידען די באלדיגע געפאהר און זי וועט מסתם פארמידען ווערען. עס איז זעהר מעגליך אז ביז וואנען די ציילען וועלען דערגרייכען דעם לעזער וועלען די „גרענד טשיפס“ פון די „ביג פייוו“ שוין האבען צוריקגערופען דעם סטרייק, קומענדיג צו א וועלכען עס איז אויסגלייך מיט די באהן פארוואלטער.

אבער איין זאך זעהט אויס צו זיין זיכער, אז ווען אפילו די געפאהר פון באהן־סטרייק וועט פארמידען ווערען וועט אבער דער הויפט שטרייט־פונקט צווישען די באהן ארבייטער און די באהן אייגענטימער בלייבען ווי געווען און די באהן אישו וועט בלייבען ווי געווען א שטערענדער פאקטאר אין דעם אמעריקאנער לעבען, ביז וואנען זי וועט פריהער אדער שפעטער ראדיקאל געלייזט ווערען.

וואס די „ביג פייוו“ קענען אויפטאן איז צוזאמענשטשאבען עפעס א שטיקעל פשרה מיט די באהן פארוואלטער, לויט וועלכער די אינטערעסען פון זייערע מיטגלידער זאלען באשיצט ווערען א ביסעל בעסער, ווי פון די איבעריגע פאכען וואס זיינען באשעפטיגט אין דער באהן אינדוסטריע. די הויפט אישו וועט בלייבען אומבאריהרט. ווייל די „ביג פייוו“, ווי עס זעהט אויס, האבען ניט געהאט דעם מוט זי צו באריהרען.

עס איז א פאקט וואס פארדינט באטאנט צו ווערען, וואס די איבעריגע עלף פון די זעכצעהן אייזענבאהן יוניאנס, האבען באשלאסען צו שטעהן אן דער זייט פון דעם סכסוך און זיי האבען ענטוועדער באשלאסען ניט צו סטרייקען, אדער זיי האבען אפגעלייגט זייער האנדלונג. זיי האבען עס געטאן גאנץ איינפאך דערפאר וואס די „ביג פייוו“, די אריסטאקראטען פון די באהן ארבייטער, האבען זיך ענטזאגט צו פארבינדען זייער שיקזאל מיט דעם שיקזאל פון די ווינציגער פריוועליגירטע באהן ארבייטער און זיי האבען ערקלעהרט, אז זיי וועלען סטרייקען אדער סעטלען ווען זיי וועלען וועלען, ניט רעכענענדיג זיך מיט די איבעריגע פאכען. די איבעריגע באהן יוניאנס האבען דעריבער, און מיט רעכט, מורא געהאט, אז אויב זיי וועלען ארויס סטרייקען וועט די „ביג פייוו“ קענען זיי נאך איבערלאזען אין א בלאטע.

דאס באוויזט בלויז דעם באדויערנסווערטען צושטאנד פון אומאייניגקייט אין די רייהען פון די באהן־ארבייטער. דאס קאן אויך זיין דער הויפט פאקטאר אין דער ענטשיידונג, אז עס זאל קיין סטרייק ניט זיין. פונדעסטוועגען האט עס גאר ניט צו טאן מיט דער הויפט אישו. די הויפט אישו איז א פונדאמענטאלע, וועגען וועלכער עס איז אוממעגליך צו מאכען פשרות. און אויב א פשרה וועט יע געמאכט ווערען וועט עס בלויז מיינען, אז די פיר הונדערט טויזענד לאקאמאטיוו טרייבער, הייצער, קאנדוקטארס, בריקמען און באהן טעלעגראפיסטען האבען זיך ווי עס איז פון איהר ארויסגעדרעהט, איבערלאזענדיג פאר די איבעריגע באהן־פאכען צו טראגען די לאסט פון פריוואט־אייגענטום און פריוואט פארוואלטונג, אדער מיספארוואלטונג פון די באהנען.

די הויפט אישו איז אייגענטליך די פראגע פון פריוואט אדער רעגירונגס אייגענטום פון די באהנען. אבער אזוי לאנג ווי די „ביג פייוו“ האט די אישו באשלאסען אויסצומיידען בלייבט די פראגע — ווער עס זאל טראגען די לאסט פון פריוואט אייגענטום און פריוואט פארוואלטונג. און די לאסט איז גאר ניט קיין קליינע. דער פרייז וואס די באהן יוניאנס וועלען דארפען דערפאר באצאהלען איז אן אומגעהייערער. עס זעהט אויס, אז זיי וועלען דארפען באצאהלען דעם העכסטען פרייז — מיט זייער עקזיסטענץ. ווייל קיין יוניאן וועט ניט קענען בלייבען גאנץ ווען עס זאלען איינגעפיהרט ווערען יענע קאנדיציאנען, וואס זיינען נויטיג כדי מעגליך צו מאכען אויך ווייטער פריוואט אייגענטום און פריוואטע מיספארוואלטונג פון די אמעריקאנער באהנען.

די פיהרער פון די „ביג פייוו“ זיינען פאלשטענדיג גערעכט מיט זייער באהויפטונג, אז די פראגע איז ניט בלויז וועגען א ווייטערער צעהן פראצענטיגע רעדוקציע פון וויידזשעס. זיי זיינען אויך גערעכט מיט זייער ערקלערונג, אז די איינציגע רפואה פאר דער באהן פראבלעם איז רעגירונגס קאנטראל. זיי באטאנען אבער ניט דעם לעצטען פונקט שטארק גענוג כדי ארויסצוברענגען איהם אזוי בולט, ווי ער פארדינט. זיי פארשטעהען, ווי עס שיינט, אז עס איז א סך לייכטער צו שפילען פאליטיק אויף דעם חשבון פון די איבעריגע באהן־פאכען, ווי צו אויפנעהמען א קאמף מיט דעם בעסט פאראייניגטען און מעכטיגסטען קאפיטאליסטען־קלאס אין דער וועלט אויף א פרינציפיעלער אישו. די אישו איז אבער דא.

עס איז זעהר א קאמפליצירטע פראגע, אבער פונדעסטוועגען וועל איך פרובירען זי איבערצוגעבען אין אלגעמיינע שטריכען.

די אמעריקאנער באהנען זיינען די גאנצע צייט געווען די שאנד פון אמעריקא. זיי זיינען געווען דער שוואכסטער פונקט אין דער אמעריקאנער עקאנאמישער ענטוויקלונג און אויך די הויפט אורזאכע פון דער אמעריקאנער פאליטישער קארופציע. וואו איהר זאלט זיך ניט באגעגענען מיט א קארופטען אקט וואו עס זאל ניט זיין מעגט איהר זיכער זיין, אז הינטער דעם שטעהט עפעס א גרופע פון אייזענבאהן אינטערעסען.

עקאנאמיש האבען זיך די אייזענבאהנען ענטוויקעלט אויף אן אומגעריכטען אופן פשוט דערפאר וואס זיי זיינען אויסגעוואקסען צו אזא גרויס און באדייטונג מעהר ווי עס איז געווען געזונט פאר'ן לאנד. אין זייער יאגעניש וואס מעהר צו ענטוויקלען און אויסברייטערען די באהנען האבען די אמעריקאנער פינאנסירען וואס זיינען געווען פאראינטערעסירט אין דעם פארניכטעט אלע איבריגע טראנספארט מיטלען, הויפטזעכליך די וואסער וועגען. אין קיין לאנד אין דער וועלט ווערען אזעלכע שווערע און ביליגע זאכען ווי שטיינער, זאמד, געהילץ, און אפילו קויהלען, געפיהרט אין אזא גרויסער מאס אויף די באהנען, ווי אין אמעריקא. געוועהנליך ווערען געפיהרט אויף די באהנען זאכען וואס נויטיגען זיך אין א שנעלען טראנספארט — זאכען וואס קאנען קאליע ווערען — ווי א שטייגער פלייש, פיש, גרינס און פרוכט — און מאנופאקטורען. שווערערע זאכען, ווי האלץ, קויהלען, שטיינער און זאמד ווערען געוועהנליך געפיהרט איבער'ן וואסער, וואס עס געדויערט זאגאר לענגער, אבער דערפאר קאסט עס באדייטענד ביליגער.

אבער די אמעריקאנער באהנען האבען פארכאפט דעם גאנצען טראנספארט אין זייערע הענט און די רעזולטאטען זיינען געווען העכסט שעדליכע. ספעציעל איצט, אין דער איצטיגער איבערגאנגס־צייט, ווען עס קומט פאר איבער דער גאנצער וועלט אן איבעראנדערשונג פון פרייזען. דאס פיהלט מען זעהר שטארק איצט בנוגע קויהלען, רודע און בוי מאטעריאלען.

איבעראורבייטען אזא צושטאנד מיטאמאל איז אוממעגליך. צוליב די באהנען זיינען די צענטרען פון אינדוסטריע געגרינדעט געווארען אין באהן צענטרען און ניט ארום גינסטיגע וואסער פונקטען, וואו זיי וואלטען געדארפט זיין נאטירליכערווייז. אבער די פראגען זיינען נאך ביז איצט ערנסט ניט אויפגענומען געווארען. די איינציגע פראגע וואס איז ביז איצט פארהאנדעלט געווארען איז געווען — ווי אזוי צו קריגען גענוג איינקונפט פאר די באהנען זיי זאלען זיך קאנען באצאהלען. די באהן יוניאנס האבען אפילו מיט א יאהר צוריק פארלאנגט רעגירונגס אייגענטום לויט דעם פלאמב פלאן, אבער די קאפיטאליסטישע וועלט און דער קאנגרעס נאטירליך האבען צו דעם ניט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט.

און די באהנען, קאן מען ניט לייקענען, נויטיגען זיך אין איינקונפט כדי זיי זאלען זיך קאנען באצאהלען — דאס מיינט צו באצאהלען די באטריב אויסגאבען און אויך דיווידענדען אויף זייער אומגעהויער פארוואסערטען סטאק.

די באהן ארבייטער האבען פארגעשלאגען עקאנאמיע דורך דער פאראייניגונג פון אלע באנען און איין גראנדיעזער סיסטעם אונטער רעגירונגס אייגענטום און פארוואלטונג. די „סיסטעם“ און דער קאנגרעס נאטירליך האבען אויף דעם געענטפערט „לא“ מיט אן אלף און מיר זיינען איצט געקומען צו דעם איצטיגען צושטאנד.

עס איז קלאר, אז די „סיסטעם“, אדער די הויך־קאפיטאליסטישע אינטערעסען, וואס ווילען האלטען די באהנען ווייטער אונטער זייער פריוואט אייגענטום און פארוואלטונג, זיינען געגען אירגענד וועלכע ראדיקאלע ענדערונגען, וואס וואלטען געקאנט אנריהרען דעם פרינציפ פון פריוואט אייגענטום. פון דער צווייטער זייט איז ניטא קיין מעגליכקייט די באהנען צו מאכען פאר א גוטען געשעפט סיידען עס זאלען אפגעשאפט ווערען די פארבעסערונגען פון לוין און ארבייטס שטונדען וואס זיינען איינגעפיהרט געווארען פאר דער מלחמה און אין דער צייט פון רעגירונגס קאנטראל אין דעם משך פון דער מלחמה.

אין לעצטען סך הכל איז די באהן פראבלעם א פראגע פון רעגירונגס אייגענטום אדער פון פרייער עקספלואטאציע. אויב די ארבייטער זאלען ווייטער אנהאלטען זייערע פארבעסערונגען מוז די רעגירונג איבערנעמען די באהנען און איינפיהרען עקאנאמיע אין פארוואלטונג. פארקעהרט, זאלען די באהנען בלייבען אונטער פריוואט אייגענטום און פריוואט מיספארוואלטונג, דארפען די ארבייטער אויפגעבען דעם יוניאן פרינציפ.

דאס איז די אומפארמיידליכע אישו. אויב די „ביג פייוו“ וועלען זי איצט דורכגעהן וועט זי פריהער אדער שפעטער מוזען אויסגעקעמפט ווערען פון די איבעריגע פאכען, וואס בילדען די גרויסע מאיאריטעט פון די צוויי מיליאן באהן־ארבייטער.

וואס זיפצט איהר...

(ליד).

פון נחום י.

וואס זיפצט איהר, פאר'חלום'טע בוימער,
אין בלייכען און בלויליכען שיין?
אה בוימער, פאר'חלום'טע בוימער,
איך ווייס שוין פון לאנג אייער פיין.

און דו, מיט באזילבערטע פליגעל,
נים כישוף מיך, איינזאמע נאכט.
פארשפרייט די באזילבערטע פליגעל
אויף די, וועמען ס'פרעהט נאך דיין פראכט.

ניט שיינט פאר מיר, ליכטיגע שטערן, —
איך בין דאך שוין נאהענט פון ברעג;
נאר שיינט בעסער, ליכטיגע שטערן,
פאר די, וואס פארבלייבען אין וועג...

GERECHTIGKEIT
A Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.00 per year.
Vol. III. No. 44. — New York, Friday, October 28, 1921.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

אן אינטערנעשאנאל פון קלאוק-מאנופעקטשורערס

„אין איינינקייט איז מאכט" איז א ווארט, וואס איז פונקט אזוי ריכטיג פאר מאנופעקטשורער, ווי פאר ארבייטער. נאר איין תנאי איז פאראן דערביי. די מאכט טאר ניט מיסברויכט ווערען, זי טאר ניט אנגעווענדעט ווערען צו גונסטען פון דאס בייזע, דאס שלעכטע. די מאכט טאר ניט אויסגעטייטשט ווערען פאלש, אלס גלייכבאדייטענד מיט רעכט. „אין איינינקייט איז מאכט" איז ריכטיג נאר דאן, ווען מאכט געהט ניט להיפוך צו דאס, וואס איז רעכט, נאר האנט אין האנט מיט איהם.

*

איז איצט פאר אונז די פראגע: וואס פאר א סארט מאכט די נייע אינטערנאציאנאלע פון די קלאוק מאנופעקטשורער, וואס האט זיך ארגאניזירט לעצטע וואך אין אטלאנטיק סיטי אונטער דעם נאמען „פערעריינטער אסאסיאיישאנס אף גארמענט מאנופעקטשורערס" וועט עס זיין. וועט עס זיין א בייזע, א פינסטערע מאכט, אדער, פארקערט, א גוטע, ליכטיגע מאכט?

מעגליך, אז צווישען אונז זאלען זיין וועלכע מענשען, פאר וועמען דאס איז נאר קיין פראגע ניט. באסעס האבען זיך ארגאניזירט, אלס נאציאנאלע קערפערשאפט, איז עס זיכער ניט צום גוטען פאר די ארבייטער. מיר זיינען דורכאוים ניט פון אזא מיינונג. אויך באסעס קאנען אויפבויען אן ארגאניזאציע, וועלכע זאל האבען גאנץ אלגעמיינע צוועקען, וועלכע זאלען זיין גינסטיג פאר דער אינדוסטריע, און מעגליך אויך פאר די ארבייטער; ווען, למשל, די נייע אינטערנעשאנאל פון די באסעס האט אין זינען פלענער, ווי צו מאכען א סוף צו דער האלז-שניידערדער קאנקורענץ אין די קלאוק און סוט ביזנעס, פון וועלכער דער אידישער ארבייטער איז דער ערשטער קרבן; אדער, ווי צו מאכען, אז די ארבייטס-סעזאנען זאלען געדויערען לענגער, ווי דאס איז דער פאל איצט, און וואס איז די ערגסטע קללה פאר דעם בעל-מלאכה, וואס ארבייט ביי קלאוקס; אדער, ווען זיי האבען פלענער, ווי מען ווערט פטור פון די פארשיידענע קאקא-רוטש-באסעס און אנדערע שלעק, וועלכע האבען זיך אזוי [illegible] אין דער קלאוק אינדוסטריע, און וועלכע זיינען באמת נאר פאראזיטען אויף דער אינדוסטריע — אויב דאס זאל זיין דער ציעל פון דער ניי געגרינדעטער באסעס-אינטערנעשאנאל קאן, דאכט זיך, קיינער ניט זיין דאגעגען. ווי אונז דוכט זיך, קאן אונזער אינטערנעשאנאל, די ארבייטער-אינטערנעשאנאל, ניט נאר גאר ניט אויסטרעטען געגען אזא ארגאניזאציע, נאר זי דארף זיין בארייט צו העלפען איהר אין דער אויספירונג פון אלע אזעלכע גוטע ציעלען.

*

עס איז אבער גרייליך מעגליך, אז אלע דיזע שעהנע ציעלען זיינען בלויז קאמאפלאזש, א „רויך-פארהאנג", הינטער וועלכען די קלאוק מאנופעקטשורער פארבאהאלטען זייער איינציגען גרויסען פלאן, ווי צו ברייגנען די ארבייטער פון דער קלאוק אינדוסטריע צו דעם „געבענשטען" צושטאנד פון די אמאליגע צייטען. עס קאן זיין, — מיר זיינען ווייט ניט זיכער אין דעם, אבער מיר מעגען זיך ערלויבען די השערה, אז די דאזיגע מאנופעקטשורער-אינטערנעשאנאל ווערט אויפגעבויט, אום צו צוברעכען די אינטערנעשאנאל פון די ארבייטער,—איז, אויב דאס איז אזוי, קאנען מיר שוין פאראויס זאגען די מפלה, די מיאוס'ע מפלה פון דער ניי געגרינדעטער אינטערנעשאנאל פון די קלאוק באסעס. ווייל דאן וועט די אינטערנעשאנאל פון די באסעס זיין א מאכט, וועלכע וועט אויפנעמען א קאמף געגען אלץ, וואס איז פראגרעסיוו און גערעכט; דאן וועט זי זיין א מאכט, וועלכע וועט זיך שטעלען אויף דער זייט פון פינסטערניש און שקלאפעריי געגען די כוחות פון ליכט און פרייהייט. און אלס אזא מאכט, אלס א פינסטערע מאכט, וועט זי פריער אדער שפעטער מוזען האבען אזא פינסטערע מפלה.

*

מיר האבען אויסגערעכענט די פלענער, די ציעלען פון דער ניי געגרינדעטער מאנופעקטשורערס אינטערנעשאנאל, וועלכע קאנען זיין גוט און נוצליך פאר אלע. לאמיר דא אנווייזען אויף איינינע ציעלען און שטרעבונגען, וועלכע מוזען פארקערט ברייגנען די קלאוק אינדוסטריע און אלע, וואס האבען אן אינטערעס אין איהר געדייהען, ארבייטס-געבער, ווי ארבייטער, צום ברעג פון רואין.

ווען עס זאל, למשל, איינפאלען די פאראייניגטע מאנופעקטשורער, אז איצט, ווייענדיג פאראייניגט, מעגען זיי זיך אלץ ערלויבען, און אז זיי קאנען זייערע ארבייטער סעקען, און דארפען קיינעם ניט אפגעבען קיין דין וחשבון פאר זייער האנדלונג; ווען זיי זאלען אין דעם באוואוסטזיין פון זייער מאכט וועלען ארויפצווינגען אויף דער יוניאן א קאמף איבער'ן גאנצען לאנד, מיינענדיג, אז אין אזא קאמף מוז די יוניאן געהן געבראכען, אדער, ווען זיי זאלען אין א בייזע שעה באשטעהן אויף דער ווידער-איינפירונג פון דער אלטער, גוף-און-נשמה-טויטענדער סיסטעם פון שטיק-ארבייט, איינרעדענדיג זיך, אז איצט קאנען זיי אלעס אויספירען — אויב דאס זאל זיין די אמת'ע אבזיכט פון דער ניי געגרינדעטער אינטערנעשאנאל פון די באסעס, פארזיכערען מיר זיי, אז זיי מאכען א גוואלדיגען, א שרעקליכען טעות אין זייער חשבון; אז אנשטאט אויפצוהויבען די קלאוק אינדוסטריע צו א העכערער מדרגה, וועלען זיי איהר ארונטערשלעפען אין שאול תחתיה אריין; זיי וועלען איהר דער'הרג'ענען. דורך אזעלכע האנדלונגען זייערע וועלען אויפגעריסען ווערען גאנצע וואולקאנען לידענשאפט און פארביטערטקייט, פון וועלכע זיי קאנען קוים האבען א באגריף, אויב זיי טראגען זיך ארום ווירקליך מיט אזעלכע פלענער. דער פארהעלטניסמעסיגער פרידען, וואס האט געהערשט אין דער אינדוסטריע פאר די לעצטע עטליכע יאהר וועט גלייך פארשווינדען, און וועט אפטרעטען זיין פלאץ פאר אן אומערבארמליכען קאמף אויף טויט און לעבען. טאמער ווייסען עס ניט אונזערע מאנופעקטשורער, האלטען מיר פאר נויטיג זיי צו זאגען, אז עס האבען זיך פאר שטארק געענדערט די צייטען, און מיט זיי האט זיך אויך געענדערט דער קלאוקמאכער. וואס זיי האבען אמאל געקאנט אויספירען מיט דעם דערשלאגענעם אומוויסענדען, מיט דעם גרינעם, נאר-וואס אריבערגעקומענעם בעל-מלאכה, דאס וועלען זיי קיינמאל ניט אויספירען מיט דעם איצטיגען קלאוקמאכער, וועלכער איז גאנצע הונדערט פראצענט יוניאן-מאן; וועמעס הארץ איז פול מיט די שעהנסטע שטרעבונגען, און וועלכער וועט גיכער פאלען אין קאמף, איידער ער וועט זיך אונטערגעבען צו ארבייטס-באדינגונגען, וועלכע ער האלט פאר שענדליך און אומערטרעגליך.

*

מיר האבען געהאלטען פאר נויטיג גראדע איצט, ווען די באסעס האבען אויפגעבוים פאר זיך א נייע פעסטונג, צו זיין גאנץ אפענהערציג מיט זיי. נאטירליך, ווילען מיר אויף א מינוט ניט רעכענען גראדע דאס ערגסטע פון אונזערע מאנופעקטשורער. מיר ווילען גלויבען, אז זייער אינטערנעשאנאל האבען זיי אויפגעבוים מיט די בעסטע אבזיכטען, און, אויב דאס איז אזוי, וועלען זיי אין אונזער אינטערנעשאנאל געפינען די שטארקסטע סימפאטיע און, ווען נויטיג, אויך איהר הילף; נאר, אויב זיי האבען עטוואס בייז אין זינען געגען אונזערע בעלי-מלאכות און געגען זייער יוניאן, זייער אינטערנעשאנאל, דאן מעגען זיי זיך ריכטען אויף די שטורעמדיגסטע צייטען, וואס די קלאוק אינדוסטריע אין די פאראייניגטע שטאטען האט ווען דורכגעמאכט.

„געגען דער רעגירונג".

מיט איינינע וואכען צוריק ביי אן אנדער געלעגענהייט האבען מיר ארויסגעזאגט די השערה, אז פריהער אדער שפעטער וועט מען אין יעדען גרויסען סטרייק אנטדעקען א פארשווערונג געגען דער רעגירונג. און וועלכע לאיאלע, פאטריאטישע ארבייטער וועלען עס זיך אונטערשטעלען אויפצונעמען א קאמף מיט דער רעגירונג? א קאמף געגען דינער רעגירונג! דאס מיינט דאך איינפאך רעוואלוציע, קאן מען ערווארטען, אז אונזערע גוטע לאיאלע בירגער-ארבייטער זאלען אמאל גאר דערלאזען צו זיך אזא געדאנק? און, כאטש מיר קאנען ניט זיין זיכער אין דעם, אבער, אויב פון דעם געפלאנטען אייזענבאן סטרייק וועט גאר ניט ווערען, וועט עס ניט זיין צוליב קיין אנדער אורזאך, נאר ווייל אימיצער האט געמאכט די גרויסע אנטדעקונג, אז דער סטרייק פון די אייזענבאן ארבייטער איז ניט קיין סטרייק געגען די אייזענבאן-אייגענטימער, חלילה, נאר דוקא געגען דער רעגירונג.

*

אודאי איז די זאך ניט אזוי קלאר, אז איינער זאל עס דערזעהן מיט'ן ערשטען בליק. אלע ווייסען, אז די באנען שטעהען ניט מעהר אונטער דער קאנטראל פון דער רעגירונג, ווי אין די מלחמה-יאהרען. אלע ווייסען, אז אזוי שנעל, ווי עס האט זיך געענדיגט די מלחמה, איז ווילסאן געווען אין איין איילעניש צוריק איבערצוגעבען די באנען צו זייערע אייגענטימער. אלע ווייסען, אז ווירדזשעס קריגען די ארבייטער פון די באן-אייגענטימער. איז עס, דאכט זיך, קלאר, אז ווען זיי געהען ארויס אין סטרייק, איז עס געגען די אייגענטימער פון די באנען. אבער דאס אלעס איז פון א קנאפער באדייטונג געגען דעם גרויסען וואונש פון דער רעגירונג, פון דער פרעסע צו מאכען די אייזענבאן ארבייטער פאר סטרייקער געגען דער רעגירונג. אז מען וויל, געפינט מען שוין א פריטשעפקע.

*

און די פריטשעפקע איז א טשיקאווע. דער ריילוויי לייבאר באארד, וואס האט עס גע'פסקנ'ט צו גונסטען פון די באן-אייגענטימער פאר א שניט אין די ארבייטער ווירדזשעס, איז דאך א באשעפעניש פון דער רעגירונג. אלזא, ווען די ארבייטער געהען איצט ארויס אין סטרייק, הייסט עס, אז זיי סטרייקען געגען דער רעגירונג. די רעגירונג הייסט זיי זיך באנוגענען מיט 12 פראצענט ווייניגער וויירזשעס, און זיי געהען גאר סטרייקען! פאלגליך, איז עס א סטרייק געגען דער רעגירונג. אי, געגען דער זעלבער ריילוויי לייבאר באארד האבען אויך אפט ווידערשפעניגט די באן-אייגענטימער, און זיי האט מען ניט געשטעלט אונטער דער אנקלאגע, אלס רעבעלען, אלס סטרייקער געגען דער רעגירונג, נו, הויבט זיך אן א מעשה: דערפאר זיינען דאך יענע די באן אייגענטימער, און די זיינען דאך בלויז ארבייטער. סט'געהערט א קאפ א פארגלייך!

*

אט דאס לאזט זיך אויס פון דעם הייליגען סטרייק-רעכט פון ארבייטער. ווארים, אז מען טראכט זיך אריין, איז דאס ניט בלויז א קלאפ געגען דאס סטרייק-רעכט פון די אייזענבאן ארבייטער, נאר געגען דאס סטרייק-רעכט פון אלע ארבייטער. וועלכער סטרייק דען קאן ניט אויסגעטייטשט ווערען אלס א סטרייק, א מרידה געגען דער רעגירונג? אין יעדען סטרייק, אין יעדען קאמף צווישען ארבייטער און באס איז עס דער ליבער פובליקום, וועלכער מוז אביסעל לײדען. הייסט עס, אז יעדער סטרייק איז א סטרייק געגען פובליקום און אזוי ווי די רעגירונג איז, ווי עס הייסט, דער רעפרעזענטאנט, דער פארטרעטער פון פובליקום, איז במילא יעדער סטרייק אויך א סטרייק געגען דער רעגירונג. טא ווארום זאלען אלע סטרייקס ניט קאנען באטראכט ווערען אלס מרידה געגען דער רעגירונג?

*

נאטירליך, וואלט די גאנצע אנטדעקונג פון דעם אייזענבאן סטרייק, אלס א סטרייק געגען דער רעגירונג, ניט ווערט געווען קיין שמעק טאבאק, ווען די אייזענבאן ארבייטער וואלטען ווירקליך געווען אנטשלאסען צו קעמפען פאר זייערע רעכטע, אלס ארבייטער און מענשען. אבער אט טאקע וועגען דעם איז דא א גרויסער ספק. וואוטען פאר א סטרייק, דאס יע, אבער ווי באלד דאס איז א פראגע פון א קאמף געגען דער רעגירונג, דאס איז שוין גאר אן אנדער דין. די רעגירונג קאן דאך אונז, ווייניג ווי מיר זיינען, אין גאנצען בלויז צוויי מיליאן, ארעסטירען! זי קאן אויך פארהאלטען אונזערע סטרייקס פאנדען, וואס מיר האבען געזאמעלט, טא ווי קאנען מיר גאר טראכטען וועגען א סטרייק? נאר טאמער וואלטען שוין די ארבייטער אליין ניט אזוי מורא געהאט און ריזיקירט, זיינען אבער זייערע פירער גאר ניט מוכן ומזומן צו ווערען ארעסטירט, אלס רעבעלען געגען דער רעגירונג. בינו לבינו זעהט עס אוים, אז צו קיין אייזענבאן סטרייק וועט ניט קומען. און, אויב ער זאל דאך קומען, וועט עס הייסען, אז עס איז א סטרייק געגען דער רעגירונג, וועלכע איז, נאטירליך, שולדיג זיך זעלבסט, ווי דעם גאנצען פובליקום, וועמען זי פארטרעט, צו דערשיקען איהם מיט אלע כחות, וואס זי פארמאגט.

ברוים און פרידען.

מיט פארגעניגען ווילען מיר דא פארצייכענען א פאר שעהנע ווערטער פון דער אמעריקאנערין. מרס. ראבינס. וועלכע זי האט ארויסגערעדט, אלס פרעזידענטין פון דעם צווייטען אינטערנאציאנאלען קאנגרעס פון ארבייטער פרויען, וואס איז אפגעהאלטען געווארען די טעג אין זשענעווע, שווייץ. זי האט אין איהר רעדע אנגעוויזען אויף צוויי אויפגאבען, וועלכע די מאדערנע פרוי האט אויפצוטאן. די ערשטע איז צו ערקלערען מלחמה געגען מלחמה. מלחמה מוז אפגעשאפט ווערען, און דער ערשטער שריט דערצו איז אפצושטעלען די פאבריצירונג און די פארמעהרונג פון וואפען. די צווייטע אויפגאבע איז אפצושאפען די קללה פון ארבייטסלאזיגקייט. אט וואס זי האט געזאגט וועגען ארבייטסלאזיגקייט:

„אין דער היים, יעדע אייגע אין איהר אייגען לאנד, איז אונזער ערשטע היימישע אויפגאבע צו געווינען אונזער רעכט אויף אונזער טעגליכען ברוים. איבעראל פארפאלגט ווי א שאטען די ארבייטסלאזיגקייט דעם ארבייטער'ס היים. אדער ארבייטסלאזיגקייט, אדער קאפיטאליזם מוז געהן. אויב די פריוואטע קאנקורענץ-אינדוסטריע קען ניט געבען באשעפטיגונג די פעהיגע און ארבייטס-וויליגע ארבייטער, דאן איז דיזע קאנקורענץ סיסטעם פארדאמט צום אונטערגאנג. רעגירונגען, וועלכע קענען פארשווענדען ביליאנען פאר פארניכטענדע מלחמות, מוזען לערנען, ווי אויסצוגעבען אייניגע מיליאנען פאר דעם קאנסטרוקטיווען פרידען. קיין בעטעל-ברוים, קיינע נדבות, נאר לעבענס-ווידזשעס אין פראדוקטיווער ארבייט, — דאס פאדערען מיר פון די רעגירונגען און פון דער עקאנאמישער ארדנונג אין אלע לענדער... דאס ערשטע מאל אין דער געשיכטע האבען מיר די פאליטישע מאכט און די מאכט לייגט ארויף אויף אונז פאראנטווארטליכקייט. מיר זעהען דעם כאאס און דאס לײדען, וואס דעם מאנ'ס רעגירונג אויף דער ערד האט געבראכט. ווען מיר זיינען הונגעריג און היימלאז און ארבייטסלאז אדער מיר שעכטען אונזערע ברודער און זין, לאמיר שטימען געגען די רעגירונג, גארנים נעהמענדיג אין אכט די פארטיי. לאמיר זיך אנטזאגען צו ווערען גענארט פון די שלאג-ווערטער פון דער פארטיי אדער היפנאטיזירט ווערען פון די פארטיי-פיהרער. לאמיר צוזאמען פאדערן ברוים און זיכערהייט פאר אונזערע היימען. האבען מיר דיזע איינפאכע, זעלבסטפארשטענדליכע בענעפיטס, דאן אונטערשטיצען מיר די רעגירונג, זיינען מיר אבער בארויבט פון זיי, דאן ווארפען מיר ארוים די רעגירונג. דאס איז דירעקטע אקציאן אין פאליטיק. דאס וועט אונז באפרייען פון די צוטיילונגען אין טעאריע און וועט פאראייניגען אונזער מאכט פאר די אונטערשטיצונג פון ברוים און פרידען. עס קען געטאן ווערען! א גרויסער גלויבען, אז וועלכען עס זאלען זיך האלטען שטארק די ארבייטס-פרויען פון אלע נאציאנען, קען אויסלייזען די וועלט".

*

שעהנע, שטארקע ווערטער. עס בלייבט אבער נאך אלץ די פראגע, וואס טוט מען, כדי די פרויען פון אלע נאציאנען זאלען ווערען דורכגעדרונגען פון דעם שעהנעם גלויבען? און אז זיי וועלען שוין האבען אט דעם גלויבען, שטעלט זיך א ווייטערע פראגע, אויב דאס איז טאקע דער ריכטיגער מיטעל צו זאגען דער רעגירונג: גיב אונז ארבייט, פרידען, אויב ניט, ווארפען מיר דיך ארויס פון אמט? אין די ווערטער פון מרס. ראבינס איז דא געוויס פיל הארץ, א ים פון מענשליך פיהלען, אבער עס זעהט ניט אוים, אז זי זאל זיך האבען ארייגעטראכט טיף אין דאס גרויסע פראבלעם פון ברייגנען ברוים און פרידען פאר אלעמען. גלויבען אליין איז א גרויסער כח, אבער צו דעם מוז נאך זיין דער קלארער שטארקער שכל. ערשט ביידע צוזאמען קאנען ברייגנען ברוים און פרידען, און אויך קאן ע סניט אויפגעטאן ווערען בלויז פון ארבייטער-פרויען. פונקט, ווי די מענער אליין האבען ביז איצט נאר ניט געקאנט אויפטאן, פונקט אזוי וועניג וועלען עס פרויען אליין קאנען ברייגנען די גרויסע ענדערונג אין אונזער לעבען. מענער און פרויען, מיט פאראייניגטע כוחות און מיט א קלארען ציעל פאר-די אויגען, און מיט א טיפער, קלארער ערקענטניס פון אלע שוועריגקייטען, וועלכע מוזען צו ערשט באזייטיגט ווערען, קאנען עס צו שטאנד ברייגנען, אז דער אידעאל פון ברוים און זיכערהייט אויף אונזער ערד זאל ווערען א לעבעדיגע ווירקליכקייט.

דער סאקא וואנזעטי פאל אין דער פרעסע.

ביז לעצטער וואך האט מען פאר דער גאנצער צייט, וואס די צוויי איטאליענישע ארבייטער זיינען פראצעסירט געווארען, אלס מערדער, און זיינען טאקי פאראורטיילט געווארען צום טויט, כאטש די מייסטע עדות געגען זיי זיינען געווען זעהר ניט קיין גלויבענס ווירדיגע, און כאטש די אנגעקלאגטע האבען פון זייער זייט באוויזען, אז זיי האבען גאר ניט געקאנט באגעהן דעם מארד, פאר וועלכען זיי זיינען פראצעסירט געווארען, ווייל צו יענער צייט זיינען זיי געווען מיילען ווייט פון דעם פלאץ — אלזא, ביז לעצטער וואך האט מען אין אונזער קאפיטאליסטישער פרעסע קיין ווארט ניט געקאנט געפינען

פון דער אידישער ביהנע. איז דאס אבער טוט איהר ניט. פארקערט, אלעס, וואס איהר פירט אויף, גוט אדער שלעכט, איז אבער פון דעם סארט, וואס קאן דעם בורטשער און די טעאטער־יונגטעס בשום אופן ניט אנציהען. אנשטאט דעם פירט איהר אויף פאר אייערע פאטריאטען דעם קרומען שפיגעל, כדי זיי זאלען זיך נאך מעהר איינרעדען, אז דער גאנצער שונד איז ביי יענע, און ביי אייך גאר גאלע קונסט. אבער איהר ווייסט דאך, ווי ניט ריכטיג, ניט אמת דאס איז!

די דאזיגע ווערטער ווערען געשריבען אין א געפיל פון אמת'ע פריינטשאפט צו אייך, הער שווארץ. מיר געדענקען אייך פון דער סאמע ערשטער פארשטעלונג, אין וועלכער איהר זייט אויפגעטראטען אין ניו יארק, און מיר האבען אימער סימפאטיזירט מיט אייך אין אלע אייערע קעמפע, וואס איהר האט געמוזט דורכמאכען, און מיר האבען מיט א געפיהל פון צופריעדענהייט געזעהן אייך אלץ מעהר און מעהר דערנעהענטערען זיך צו דעם, וואס מען רופט אין דער טעאטער־וועלט ערפאלג און אנערקענונג. און אין אט דעם געפיהל פון פריינדשאפט ווארנען מיר אייך זיך אפצושטעלען און באטראכטען א ביסעלע גרינדליכער, טיפער, דאס, וואס איהר טוט איצט.

אלס בער אייגענטימער פון א טעאטער טראגט איהר א גרויסע פאראנטווארטליכקייט צום פובליקום, איבערהויפט צום פובליקום, וואס גלויבט ערנסט אין אייער שטרעבען צו דערהויבען א ביסעל די אידישע ביהנע. זעהט זשע, אז איהר זאלט פון אייער זייט ניט פארוואנדלען די ביהנע אין א פלאץ פאר בילינע ליצנות, פאר רכילות און פאר אלערליי סקאנדאלען.

פארגעסט אויך ניט, אז מען קאן פון אלץ מאכען א קאריקאטור. פארקערט, וואס א זאך איז שעהנער, ערהאבענער, אלץ לייכטער איז עס פאר דעם לץ אפצושפעטען פון דעם. גלויבט אונז, אז מען וואלט זעהר לייכט געקאנט אפ'לצ'עווען פון דעם, ווי איהר רעדט, ווי איהר שפילט, ווי איהר זינגט, און אויך פון די זאכען, וואס איהר פירט אויף. און פונקט, ווי אזא האנדלונג געגען אייך וואלט געווען זעהר ניט שעהן, יא, פארדאמונגסווערט, אזוי איז אויך אייער האנדלונג געגען די אנדערע טעאטערע, וועלכע, צי איהר ווילט צי ניט, קאנען נאר באטראכט ווערען אלס אייערע קאנקורענטען, ביזנעס־קאנקורענטען...

דער קריטיקער.

דער מענשהייט געהאט גאר אן אנדער פנים — און מיר וואלטען עד היום נאך געגלויבט, אז א סאציאליסט קאן זיין אן אנשטענדיגער מענש.

און זי, די גרויסע, ברייטע, ווייטע אמעריקע — גלייך ווי ניט איהר מיינט מען. צי ווייסט זי כאטש ווי אידישע קינדער פארען זיך אריין אין די בערד צוליב איהר? צי ווייסט זי וויפיל רעפוטאציעס עס ווערען דאס רואינירט איבער איהר? שטעהט שטום ווי א ספינקס — און שווייגט. שווייגט? אפשר רעדט זי א שפראך, וואס האלב־גרינע אידען אויף דער איסט־סייד פארשטעהען ניט? ארימע אמעריקע! זי ווייסט נעבאך ניט ווי אידישע קינדער זיינען איהר געטריי, ווי זיי זיינען מקריב אפילו דאס שטיקעל פרנסה אבי וואס גיכער זי מזכה זיין מיט די 21 פונקטען.

ניין, זי ווייסט ניט. בלויז מיר, וואס מוזען קויפען און — לעזען די אידישע צייטונגען, האבען דאס גליק צו וויסען ווי העלדיש איסט בראדוויי זידעלט זיך צוליב דער סאציאלער רעוואלוציע.

עס דערמאנט זיך, ווי בעת דעם טומעל פאר א אידישען קאנגרעס, מיט א פאר יאהר צוריק, אויף איינע פון די קאנפערענצען צווישען דער איסט־סייד מיט די פארשטעהער פון דער „אמעריקאן דזשואיש קאמיטע", האט איינער א „יאהודי" געפרעגט לואי מארשאל'ן, ווארום ער קאכט זיך און כעס'ט זיך מעהר פון אלעמען. דערויף האט מארשאל איהם געענטפערט:

— גוט איז אייך, וואס איהר לייענט קיינמאל קיין אידיש ניט; אבער איך, איך האב דאס אומגליק צו לעזען אידישע צייטונגען אלע טאג, און ווייס, וואס מען זאגט אויף אונז...

די גרויסע דעבאטע

פון דזש. העללער.

צווייטער טייל.

זינט יענעם אווענט, ווען היימאן באאמטער איז איינשטימיג און מיט גרויס באגייסטערונג אונטער דעם דונער פון הילכיגע אפלאדיסמענטען ערוועהלט געווארען ביזנעס אגענט פון לאקאל 1813 זיינען שוין פילע וואסערען פארלאפען. היימאן באאמטער איז שוין יעצט אן אלטער אפיסער פון דער יוניאן. זינט דאן האט ער שוין פילעס מיטגעמאכט און, לויט זיין מיינונג, פילעס אויפגעטאן פאר די מיטגלידער פון דער יוניאן. ער איז שוין צום זעקסטען אדער זיבעטען מאל ווידער ערוועהלט געווארען. אבער דאס מיינט ניט זעהר פיל אין זיין לעבען. אפט, זעהר אפט ווערט ער אריינגעכאפט אין א נעץ פון טרויעריגע פינסטערע געדאנקען פון וועלכע עס איז איהם שווער ארויסצופלאנטערען זיך.

וואס האט מיט איהם פאסירט ווילט איהר וויסען? איך ווייס ניט.

איך ווייס בלויז איין זאך: אז ער האלט נאר אין דעבאטירען מיט זיך זעלבסט. ער שטעלט זיך פראגען, ער פארענטפערט זיי און פרעגט ווייטער און פארענטפערט ווייטער. און ווען ער וועט קומען צו א טאלק, ווייס איך אויך ניט. עס קאן זיין, אז דאס זאל נאך נעמען יאהרען און יאהרען און אמאל קאנט איהר פלוצלונג זיך דערוויסען פון זיין פעסטען באשלוס.

היימאן באאמטער איז אן אומגליקליכער מענש. ער זעהט פאר זיך ניט קיין ברעקעל צוקונפט, ער ערווארטעט, און מיט רעכט, אז פריהער אדער שפעטער וועט ער מוזען אויפגעבען זיין אמט ווי פילע אנדערע, וועלכע זיינען געווען אזוי לאנג אין דער יוניאן, האבען דאס געמוזט טאן. אדער, אויב ער וועט עס אליין ניט טאן, וועט ער פארדאמט און פאראכטעט, א פארשפיגענער, א צוטראטענער ארויסגעווארפען און פארגעסען ווערען.

סיידען ער זאל באצייטענס שטארבען. דאן איז ער זיכער, אז די לויה וועט זיין גרויס און שעהן. טויזענטער וועלען זיך ציהען נאך זיין ארון. הונדערטער וועלען איהם לויב געזאנגען זינגען: אה, וואס פאר א טייערער עהרליכער פירער דאס איז געווען.

ער אבער האט געטראכט וועגען זיין צושטאנד ביים לעבען. וואס נאכ'ן טויט וועט פון איהם ווערען, האט איהם ווייניג וואס געקימערט. עס וועט, פיליכט, איבערראשען פילע, אבער דאס איז א פאקט, אז היימאן באאמטער איז געווען א מענש מיט פארלאנגען, מיט געפיהלען, מיט באגעהרען און האט געוואלט, פונקט ווי פילע אנדערע איינפאכע בשר ודם'ס, מאכען זיין לעבען אזוי שעהן און אזוי אנגענעם ווי נאר מעגליך.

וואס אנבאלאנגט זיין לעבען, האט ער אויף איהם לעצטענס אנגעהויבען קוקען דורך שווארצע ברילען. אלעס האט איהם אויסגעזעהן שווארץ און פינסטער. ער האט קיין ברעקעל ליכט ניט געקאנט געפינען אין איהם.

פארגעסט ניט, אז היימאן באאמטער האט פילע אנטוישונגען דורכגעמאכט, זינט ער איז אריין אין זיין אמט. אלע זיינע חלומות זיינען ווי זייפען בלאזען צוטראגען געווארען. זיינע אלע יאהרען, אלס באאמטער, איז ער געווען און איז פארבליבען ניט מער ווי א ביזנעס אגענט. און א ביזנעס אגענט האט ער זיך אויסגעלערענט צו פארטייטשען איז ניט מעהר ווי א שיק איינגעל. א ביזנעס אגענט איז ניט קיין פירער. ער ווערט געפירט פון אנדערע. ניט מעהר. ווען אימיצער וואלט איהם יעצט גענומען אויף אן עקזאמען און איהם געפרעגט וואס, לויט זיין מיינונג, דארפען זיין די מעלות פון א ביזנעס אגענט, וואלט ער גלייך געענטפערט: ער מוז קאנען נעמען „ארדערס" פון די מאסען און פון די העכערע באאמטע; א מאן אהן א ווילען און אהן אן אייגענער מיינונג.

וועגען זיין טרוימען צו ווערען א מיטגליד פון דער געזעלשאפט פון די גרויסע באוואוסטע געגאסען, פון וועמען ער האט געהאפט פיל צו לערנען און מיט וועמען ער האט געהאפט צו ווערען אינטים באפריינדעט, האט זיך אויך גאר ניט אויסגעלאזען. ער האט אפשר דעם פרעזידענט צוויי אדער דריי מאל געזעהן ביי איהם אין אפיס. אבער ביי דיזע געלעגענהייטען איז ער ניט געקומען מיט איהם פארברינגען. דאס זיינען געווען, וואס מען קאן אנרופען, ביזנעס אפאינטמענטס. און, ווי אלע אזעלכע „אפאינטמענטס", זיינען זיי געווען קאלט און קורץ, אהן לעבען און אהן נשמה און אהן דעם מינדעסטען סימן פון פערזענליכע אנערקענונג. דער פרעזידענט האט געדארפט האבען דעם פארשטעהער פון לאקאל 1813 וועגען אויסקינפטע, וועגען געוויסע באשליסע אין לאקאל 1813, האט ער גערופען דעם פארשטעהער צו זיך און האט איהם געשטעלט די נויטיגע פראגען. ווען דער פארשטעהער וואלט, דורך א צופאל, געווען אן אנדערער און ניט היימאן באאמטער, וואלט ער דעם אנדערען אזוי גערופען צו זיך. פארשטעהט קלאר, אז ביים פרעזידענט קאן דאך ניט זיין קיין פראגע פון דער אדער יענער פערזאן. אין אן ארגאניזאציאן שפילט דער אמט די הויפט ראלע. די פערזאן איז א נעבענזאך.

מאנכעס מאל פילט ער זיך טאקע שטארק גענערגערט איבער דעם, וואס דורך זיין אמט איז ער געבליבען אן עלענדער אויף דער וועלט. זיין גאנצער קרייז פון פריינט באשטעהט יעצט בלויז פון זיין באלדיגער פאמיליע און ניט מעהר. די וואס ער האט געהאט אלס פריינט פון די שעפער אין וועלכע ער האט געארבייט, האט ער פארלארען, און קיין נייע האט ער ניט צוגעקראגען.

און, ווען ער שטעלט זיך די פראגע, ווארום ער איז אפגעזונדערט געווארען פון דער גאנצער וועלט, קאן ער אויף דעם קיין אנדער ענטפער ניט געפינען אויסער דעם, אז מיט איהם האט פאסירט דאס, וואס עס פאסירט מיט דער אינטעליגענטער טאכטער פון ארימע עלטערען. אן ארבייטער ווייבט פון איהר, שרעקענדיג זיך אז אויב ער זאל זיך איהר ערקלערען אין ליבע, וועט זי איהם נאך אויסלאכען; און די בחורים וואס באזיצען אזא בילדונג ווי זי, קאנען קריגען רייכערע מיידלאך. בלייבט זי נעבאך זיצען...

אט דער זעלבער אומגליק, זעהט ער, האט פאסירט מיט איהם אויך. די ארבייטער מיינען, אז זייער פריינטשאפט וועט איהם נאך חס ושלום באלעסטיגען, ווארום ווי קומען זיי צו אזא גרויסען מאן? זיי טראכטען זיך, אז ער האט שוין גענוג פריינט אהן זיי. און די גרויסע, ווידער, קאנען קריגען אלס פריינט מענשען פון א העכערען שטאנד ווי ער איז. הייסט צו וואס דארפען זיי זיך לאנגווייליגען מיט איהם?

א מענש איז א געזעלשאפטליכע חיה, מוז תמיד האבען ארום זיך אן אינטימען פריינד. א מענש מוז האבען אימיצען אין דער וועלט, מיט וועמען ער זאל קאנען זיך טיילען זיינע ליידען און פריידען. א מענש קאן ניט אימער טראגען אויף זיך זיין אפיציעלען „איך", מיט דער איבערטריבענער ערנסטקייט און אנגעבלאזענקייט. עס ווילט זיך מאנכעס מאל זיין פריי, זארגלאז און שטיפעריש ווי א קינד, עס ווילט זיך אמאל ערשיינען נאטירליך. אבער ווי קאנט איהר דאס טאן, ווען איהר האט ניט אין לעבען קיין פריינט?...

ניט קיין שוואכערען קלאפ האט ער געקראגען וועגען זיין האפנונג, אז ער וועט צוליב זיין אמט קאנען געפינען גענוג צייט צו לערנען זיך און אנטוויקלען זיך. דער אמת איז, אז ביז היינטיגען טאג האט ער זיך זאגאר ניט אויסגעלערענט רעדען ענגליש גוט. און דאס ביסעל ענגליש וואס ער רעדט יע, האט ער ניט געקראגען אויף א סיסטעמאטישען אופן, ווי ער האט געהאפט. זיין ענגליש האט ער אויפגעכאפט מיט'ן אויער, דא און דארט. וועגען א העכערער בילדונג איז דאך אפגערעדט. וואו האט ער געקאנט נעמען די צייט אויף דעם?

געדענקט, אז די ארבייטער באוועגונג האט ניט קיין „רעגעלע" שטונדען פאר איהרע דינער. די ארבייטער באוועגונג איז א מלחמה, א שטענדיגע און אומאויפהערליכע מלחמה. איהרע פירער טארען נים און קאנען ניט האבען קיין באשטימטע צייט ווען צו רוהען. ווען נאר דער שונא אטאקירט, מוז מען זיין אויפ'ן פלאץ. מען מוז תמיד האבען די וואפען גרייט, ווייל אויב ניט, קאן מען נאך פארניכטעט ווערען פון דעם אימער וואכזאמען פיינד.

און היימאן טראכט ווייטער: אין וואס באשטעהט מיין ארבייט? אבער א שאפ מיטינג, ווייטער א שאפ מיטינג, אבער א „קאמפליינט", ווייטער א „קאמפליינט". א רעדע דא, א רעדע דארט. אלץ וועגען דעם זעלבען ענין. קיין ברעקעל נייס אין מיין לעבען. א ביזנעס אגענט, א געשעפטס אגענט און ווייטער גאר ניט. אין שאפ זיינען כאטש געווען פארשיידענע מארעס, דא — אלץ די זעלבע מארעס: „דיסטשארדזשעס", גלייכע צוטיילונג פון ארבייט, ארונטערגעלאזענע פרייזען, א העכערונג אויף די „ווידזשעס", אומאייניגקייט צווישען די ארבייטער פון שאפ, „בעק פעי", קאנטראלירען די ביכלאך און דערמיט פאנגט זיך דאס אן און דערמיט ענדיגט זיך עס.

די אלע זאכען האבען אויף איהם געמאכט א זעהר טיפען איינדרוק. זיי האבען שטארק אפגעקילט דעם ענטוזיאזם זיינעם פון די ערשטע טעג פון זיין ערוועהלונג. דער אמט אין דער יוניאן האט אויפגעהערט פאר איהם צו טראגען די געוואלדיגע צוציהונגס קראפט פון אמאל. נאר פונדעסטוועגען וואלט דאס אלעס ניט געווען אזוי געפערליך, ווען די צייט וואלט איהם ניט געבראכט די גרעסטע אנטוישונג פון זיין לעבען. ער האט פלוצלונג דערזעהן און דערפיהלט אז דער סאמע פונדאמענט פון זיין עקזיסטענץ גליטשט זיך אויס פון אונטער זיינע פיס. ער האט דערפילט, אז ער פארלירט דעם צוטרויען פון דער מאסע צו זיך.

איין מאל ביי א שאפ מיטינג, אין מיטען פון זיינער א רעדע, ווען ער האט געהאלטען אין פארווירפע מאכען די ארבייטער אין שאפ פאר זייער ניט פינקטליכקייט אין דער אפהיטונג פון די געזעצע פון דער יוניאן, האט ער פלוצלונג דערהערט איינעם זאגען: „אייך איז גוט צו ריידען. איהר קריגט דאך אלע שבת „פיידע".

אן אנדערשמאל, פארבייגעהענדיג א גרופע ארבייטער ארום דעם אפיס פון דער יוניאן, האט זיין אויער אויפגעכאפט אזא אויסדרוק: „זעהט נאר, אט געהט אונזער פארזארגער". ביי אן אנדער געלעגענהייט האט אזא זאך פאסירט. ער האט געהערט אן ערך אט אזוי: „ברידער און שוועסטער, געדענקט, אז א יוניאן מאן מיינט ניט בלויז האבען א יוניאן בוך אין קעשענע. דער וואס באלאנגט צו א יוניאן מוז קאנען מקריב זיין אלעס פאר זיין יוניאן, ער מוז קאנען ליידען פאר דער יוניאן, ער מוז קאנען קעמפען פאר דער יוניאן, ער מוז קאנען שטארבען פאר דער יוניאן!"

ער האט ערווארטעט, אז דיזע שעהנע פראזען וועלען ארויסרופען די העכסטע באגייסטערונג ביי אלע אנוועזענדע. אנשטאט דעם האט ער נאר דערהערט, ווי איינער בורטשעט צום צווייטען אזוי אונטער'ן נאז: „זעה נאר, זעה נאר, ווי שעהן ער רעדט. איך וואלט נאר א בעלן געווען צו זעהן, וויפיל ער וואלט מקריב געווען פאר דער יוניאן, וויפיל וואכען ער וואלט שטעהן מיט אונז אהן „פיידע".

דער ווארט „שבת פיידע" איז געשטאכען ווי א בייזער גייסט פאר זיינע אויגען, וואס האט איהם געשראקען און געווארגען. איהם האט זיך געדאכט, אז יעדען דאלער וואס ער פארדינט האט אין זיך שרעקליך פייערדיגע אויגען אין וועלכען עס שפיגעלט זיך אפ דעם ארבייטער'ס צארן און פארדראס. פון איין זייט די רייכע, מיט זייער גיפטיגען סארקאזם וועגען דעם קוואל פון חיונה פון דעם „לייבאר לידער" און פון דער צווייטער זייט די ארבייטער אליין, מיט די זעלבע אנצוהערענישען, אז זיין געהאלט, וואס ער קריגט יעדע וואך, איז ניט קיין עהרליך פארדינטער.

און היימאן פלעגט צו זיך אליין ריידען: ווי לאנג קאן א מענש מאכען א לעבען פון שאנדע? ווי לאנג קאן א מענש אנשטאפען זיין מאגען מיט קללות, די פרוכט פון זיין ארבייט? ווי לאנג קאן א מענש מאכען א לעבען פון צדקה? ניין! פלעגט ער אויסשרייען אין הארצען, ניט פון צדקה, נאר פון רויב, פון גזילה, פון אפנארעריי! ווי לאנג קאן א מענש מאכען א לעבען פון צוזאמען געשנארטע פארגראשען, וועלכע זיינען פארהארטעוועט געווארען פון די פלוכען פון די צדקה געבער? ווי לאנג קאן א מענש זיך פארנעמען פון פרימארגען ביז שפעט אין דער נאכט מיט א געוויסער סארט ארבייט און זיך שעמען אויסצוזאגען פאר לייטען דעם קוואל פון זיין חיונה? ווי לאנג? ווי לאנג?...

(שלום קומט).

טעאטער טיקעטס פאר האל־סייל פרייז.

אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט האט געמאכט ארענזשמענטס מיט'ן אידישען קונסט טעאטער, מעדיסאן עוועניו און 27טע סטריט, אז די מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנאל זאלען באקומען טיקעטס צו האלבען פרייז פאר די פארשטעלונגען מאנטאג, דינסטאג, מיטוואך און דאנערשטאג אווענד, און שבת און זונטאג מאטינעס.

די מיטגלידער וואס ווילען באקומען די בילינע טיקעטס דארפען האבען א קארד צו ווייזען אין באקס אפיס פון טעאטער. די קארדס קאן מען באקומען אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 31 יוניאן סקווער. אזא קארד קאסט בלויז 5 סענט, און איז גוט פאר'ן גאנצען סיזאן.

אין טעאטער

„דער קרומער שפיגעל" אין שווארץ'ס קונסט-טעאטער.

מיר האבען שוין כמעט ווי א נדר געטאן ניט צו געהן אין אידישען טעאטער, און אויפצוגעבען אין גאנצען צו שרייבען וועגען דאס, וואס ווערט דארט געשפילט. ווייל וואס איז די פעולה? וועך ווערט באאיינפלוסט פון אונזערע קריטיקען? די טעאטער-געהער, אלס א כלל, האלטען ניט פון לייענען. פאר זיי איז דער טעאטער דער סך-הכל פון דער גאנצער בילדונג און קולטור, וואס זיי דארפען און קאנען געניסען. און פאר די, וועלכע לייענען יע, געהען זיי אבער זעלטען, אדער אפשר קיינמאל ניט אין אידישען טעאטער. צי דאס איז דער רעזולטאט פון ביטערער ערפארונג, צי עס איז זייער גאנץ ריכטיגער אינסטינקט, וואס האלט זיי ווייט פון אונזערע קונסט-טעמפלען, אבער זיי געהען ניט. טא וואס נוצט טאקע דאס שרייבען? און לייענט שוין יע אימיצער אונזער קריטיק, לייענט ער אבער אין דער זעלבער צייט א קריטיק, אונטער וועלכער עס בלישטשען גאנצע דריי שטערען, אלזא א מעהר וויכטיגער מחבר, ווי אייער קריטיקער, און ער וועט אודאי מעהר גלויבען דעם דריי-שטערענדיגען קריטיקער, ווי דעם, וועמען גאט האט געגעבען בלויז איין שטערען.

און אויב מיר נעמען זיך איצט ווידער צו אביסעל טעאטער-קריטיק, איז עס נאר, אום אנצואווייזען אויף א גאנץ נייער ריכטונג אין דעם אידישען טעאטער, די ריכטונג פון קיבעצעריי, פון אן אנגריף אויף פארשיידענע פערזאנען און טעטיגקייטען, וועלכע קאן זיין פיל געפערליכער, ווי די ריכטונג פון דער צייטונגס-קיבעצעריי, וועלכע האט זיך אנגעפאנגען ביי אונז מיט עטליכע יאהר צוריק, און וועלכע האט ארויסגעבראכט אזעלכע פוילע, גיפטיגע פירות, וועלכע מיר דאן האבען ניט ערווארט און טאקע ניט פאראויס געזעהן.

ווען דער ערשטער קיבעץ-זשורנאל איז ערשינען אין אידיש, האט די גאנצע אידישע פרעסע איינשטימיג באגריסט דעם זשורנאל, אלס אזעלכען, וועלכער פילט אוים א געוויסען פלאץ אין אונזער פרעסע. פאראן זאכען, ערשיינונגען, נארישקייטען קלענערע און גרעסערע אין אונזער לעבען, מיט וועלכע אן ערנסטע צייטונג קאן זיך ניט פארנעמען, און דאך איז נויטיג אנצוּווייזען אויף דעם, אפצולאכען פון דעם, און אזוי מאכען די געוויסע נארישקייט, קליינליכקייט, פארשעמען זיך און פארשווינדען פון אונזער לעבען.

וואלט דער קיבעץ-זשורנאל זיך געהאלטען אין די גרענעצען פון א שעהנעם ליטערארישען קיבעץ, וואלט ער זיכער געבליבען א וויכטיגער און אן איינפלוסרייכער פאקטאר אין אונזער לעבען. דער קיבעץ-זשורנאל האט אבער ניט געהאט די פעהיגקייט און די טאלאנטען זיך צו האלטען אויף דער נויטיגער הויך, באלד איז ער געזונקען אלץ מעהר און מעהר, ביז ער האט זיך אנגעהויבען פליושקען אין בלאטע. דער קיבעץ-זשורנאל איז געווארען א פלאץ, וואו יעדער נאר, פילענדיג זיך געקרענקט צוליב עפעס, האט געקאנט אויסלאזען זיין גאנצען צארן אויף די סאמע בעסטע און וויכטיגסטע טוער אין אונזער לעבען. דער רעדאקטאר פון דעם זשורנאל האט דורך זיין צייטונג געשימפט, גערידעלט, באשמוצט אלעמען און אלעס, צוליב גאנץ אייגענע פערזענליכע חשבונות. עס איז געקומען אזוי ווייט, דאס דער קיבעץ-זשורנאל איז געווארען ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי א בלעקמייל צייטונג, א פאמוניצע, אין וועלכער אלערליי פעדער-שרצים האבען געפונען א פלאץ צו פליושקען זיך, און באשפריצען מיט זייער שמוציגען גאל יעדען, וואס איז נאר זיי געקומען אונטער די הענט.

בקיצור, דער קיבעץ-זשורנאל איז געווארען עפעס, וואס קיין זויבערער מענש האט באלד אין די הענט ניט געקאנט נעמען. עס האט ממש געעקעלט פון זיין חוצפה, פון זיין שמוץ-אויסגוס אויף אלעם און יעדען, וואס האט מיט עפעס-וואס פוגע בכבוד געווען דעם קיביצער, דעם רכילות-טרייבער, דעם ישמעאל אין דער אידישער פרעסע.

איצט, ווי עס איז קענטיג, ווערט די זעלבע קיבעץ-ריכטונג אריבערגעטראגען אין טעאטער. און מיר זיינען שוין ניט מעהר אזוי נאאיוו, ווי אין די אמאליגע יאהרען צו זעהן אין דער אונטערנעמונג עטוואס ווינשענסווערטעס, ווי צום ביישפיל, אן ערליכע און ערנסטע קריטיק פון אונזער איצטיגען אידישען טעאטער, וועלכער דארף ניט געשאנעוועט ווערען פאר זיין טראפינקען אזוי טיף אין דעם זומפ פון די משונה'דיגסטע סענסאציעס און פאיאצסטווא. ווען דאס וואלט געמיינט געווארען מיט דעם „קרומען שפיגעל", וואס איז אויפגעפירט געווארען אין שווארץ'ס טעאטער לעצטע וואך, וואלט עס געווען אן ערשיינונג, וואס איז זעהר באגריסונגס-ווערט. אבער, ליידער, ליידער, איז דאס ניט דער פאל. גיכער זעהען מיר אין דעם א שטרעבען צו שעדיגען די ביזנעס פון דעם קאנקורענט, גיכער פיהלט זיך אין דער גאנצער אויפפירונג דער מארק - שרייערישער אדווערטייזמענט: קומט צו אונז, וואו עס בליהט די אמת'ע קונסט, ניט אין די טעאטערע, וואו עס ווערט אויפגעפירט דער ערגסטער שונד.

אלזא, א ביזנעס-אדווערטייזמענט אין דער פארמע פון א „קרומען שפיגעל" שוין אין סאמע אנפאנג, א בייזוויליגע אפּחוזק'ען פון פערזאנען אין דער טעאטער-וועלט, וועלכע, כאטש זיי האבען אין פילעם געזינדיגט נעגען דער אידישער קונסט, דאך האבען זיי זיכער געוויסע פארדינסטען, כאטש שוין דערפאר אליין, ווייל זיי האבען געהאט די גערולד, די אויסדויער-קראפט דורכצוטראגען דעם טעאטער דורך די שווערסטע צייטען. און דאס שוין ביים סאמע ערשטען ארויסטריט פון דעם „קרומען שפיגעל", טא וואס קאן מען שוין ערווארטען שפעטער, ווען די זאך וועט זיך אנטוויקלען?

מיר ווייסען אייגענטליך ניט, וואס מען קאן טאן ניט צו דערלאזען דערצו. עס קאן זיין, אז גראדע דאס, וואס מיר שרייבען וועגען דעם, וועט פילע פון די לעזער מאכען נייגעריג גענוג עס אליין צו זעהן, וואס דאס איז דוקא ווי געוואונשען פאר דער נייער קיבעץ-ריכטונג אין טעאטער. יעדער וועט וועלען זעהן, ווי אזוי שווארץ קרימט איבער, אדער אז איהר ווילט, מאכט נאך דעם און דעם אקטיאר מיט אלע פיטשעווקעס. ליידער באזיצט הער שווארץ דיזע פעהיגקייט אין א גאנץ באדייטענדען גראד. ביז איצט האט ער אבער ניט מיסברויכט מיט דער פעהיגקייט, סיידען אין דאס שפּילען פון א ראליע האט ער געטרייט נאכצומאכען דעם אדער יענעם אקטיאר, איינפאך, ווייל ער אליין נעבאך האט זיך ניט געקאנט אריינטראכטען אין דער ראליע. דורך אזא נאכמאכען האט הער שווארץ, איבערהויפט אין אנפאנג פון זיין קאריערע, ניט געקאנט ארויסרופען קיין טאדעל פון קיינעם, ווייל עס איז דאך נאטירליך, אז א יונגער קינסטלער זאל זיך געפינען אונטער דעם איינפלוס פון דעם אדער יענעם קינסטלער, וועמען ער באטראכט אלס גרעסער פאר זיך. שפעטער צו האט ער מיט זיין פעהיגקייט נאכצומאכען די שטימע, די העוויות פון דעם אדער יענעם אקטיאר ארויסגערופען בלויז הייטערקייט, לוסטיגקייט; עס איז באטראכט געווארען מיט רעכט ניט מעהר, אלס א לייכטער שפאס.

איצט אבער איז עס גאנץ אנדערש. ער מיסברויכט מיט זיין פעהיגקייט פון נאכמאכען, נאכקרימען אום ארונטערצורייסען א קאנקורענט אין ביזנעס, און, דאס איז זעהר און זעהר א שלעכטער וועג.

עס קאן זיין, אז הער שווארץ איז זיך זעלבסט ניט באוואוסט, וואס ער טוט. עס קאן זיין, אז ער האלט עס נאך אלץ פאר א לייכטען אומשולדיגען שפאס, דערפאר טאקע האלטען מיר פאר נויטיג צו שרייבען דיזע שורות, אפשר וועלען מיר דורך זיי איהם קלאר מאכען, אויף וועלכען גאנץ קרומען וועג ער לאזט זיך אוועק דורך זיין „קרומען שפיגעל"; אפשר וועט ער פארשטעהן, אז דיזער וועג פון פאיאצעווען קאן איהם קאסטען זיין גאנצען ארטיסטישען שטרעבען, פאר וואס ער האט זיך באליבט געמאכט ביי א קליינעם טייל פון דעם אידישען טעאטער-באזוכענדען פובליקום.

עס פארשטעהט זיך, אז כדי דער „קרומער שפיגעל" זאל ווערען א מיטעל צוציהען דעם עולם אין טעאטער (און דאס וועט דאך ניט זיין קיין עולם, וואס זוכט אמת'ע קונסט, נאר וואס האט א גרויסען חשק צו אלערליי סקאנדאלען און סקאנדאלכלאך), וועט דער „קרומער שפיגעל" מוזען ווערען אלץ קרומער און קרומער, ער וועט מוזען זיך אראפלאזען אלץ מעהר און מעהר אין בלאטע. מיט דעם „קרומען שפיגעל" וועט געשעהן דאס זעלבע, וואס עס האט פאסירט מיט דער געלער סענסאציאנעלער פרעסע. וואס ווייטער, האט זי געמוזט ווערען אלץ געלער, אלץ סענסאציאנעלער, אלץ מעהר און מעהר פארדארבען דעם געשמאק און דעם פארשטאנד פון איהרע לעזער. דער „קרומער שפיגעל" וועט אלזא מוזען ווערען, מיט דער צייט, פול מיט אלערליי סקאנדאלען, מיט אלערליי געבלאפטע סענסאציעס. האט וועגען דעם הער שווארץ געטראכט?

הער שווארץ אין זיין רעדע נאך דער פארשטעלונג האט זיך כמעט ווי אנטשולדיגט פאר'ן עולם. ער האט ערקלערט, אז ער מיינט חלילה ניט קיין בייז, ער מיינט נאר בעסער צו מאכען אין דער טעאטער-וועלט פילעס, וואס איז אזוי שלעכט. הייסט עס, אז ער מיינט עס גוט מיט זיין „קרומען שפיגעל". אבער אונז דאכט זיך, אז דאס איז בשום אופן ניט דער ריכטיגער וועג.

און דעם באווייז דערצו קאן ער געפינען טאקע אין דער מאכערייקע גופא, וואס הייסט אויפ'ן פראגראם: „דער צווייטער טייל קרומער שפיגעל". דארט ווערט פארגעשטעלט א קאריקאטור פון א „מוזיקאלישע קאמעדיע" אדער „אפערעטע" אין אידישען טעאטער. דאס, וואס איז גראדע אויסגעקליבען געווארען פאר דער דאזיגער אפלאכעריי בלויז א געוויסער טעאטער, כאטש אלע טעאטערע זיינען פון דעם זעלבען סארט, דאס איז געוויס ניט שעהן און זעהר ניט קינסטלעריש. אבער מוחל דאס. אין דער זעלבער מאכערייקע איז געשילדערט געווארען ניט בלויז די פארשטעלונג, נאר אויך דער עולם, וואס פאסטקעוועט זיך פון אזעלכע פארשטעלונגען, אן עולם פון בוטשערס, פון מייקס, פון אלערליי כוואטעס. זעהט דען ניט הער שווארץ, אז די דאזיגע אפערעטעס און מוזיקאלישע קאמעדיעס זיינען ווי אנגעמאסטען פאר די דאזיגע בוטשערס, מייקס און יענטעס? וואס זשע העלפט דא דאס אפלאכען פון דעם אדער יענעם אקטיאר, פון דער אדער יענער פיעסע, אז דער ווארצעל פון דעם איבעל איז נאר ניט אין זיי, נאר אין דעם עולם, וואס ווערט נתפעל פון א „ליאווקע הארבעץ", פון „א בלינדע מאמע", פון „בענקארט דעם באנקיר" און די אלע איבעריגע דראמאטישע העלדען?

איז עס דאך קלאר, אז כדי צו מאכען א סוף צו דאס, וואס ווערט אויפגעפירט אין אונזערע טעאטערע אלס פיעסען, קאמעדיעס, דראמעס, איז דא בלויז איין מיטעל: עטוואס צו טאן, אז דער עולם זאל פשוט ניט וועלען געהן זעהן אזעלכע זאכען מעהר, עס זאל איהם עקלען פון אזעלכע פאיאצישע שטיק, און ניט הנאה האבען פון זיי, ווי עס איז איצט דער פאל. וואס זשע דארף מען טאן דערצו? אויפפירען א קרומען שפיגעל? ניין! ווארים לאמיר זיך פארשטעלען, אז דער בוטשער קומט זעהן דעם קרומען שפיגעל און זעהט, ווי הער שווארץ מאכט נאך דעם אדער יענעם אקטיאר, די אדער אן אנדער סצענע, וואס זשע מיינט איהר, וועט דער בוטשער לערנען דערפון? גאר ניט! איהם, דעם בוטשער, קאן נאר איינפאלען, אז ער זעהט פאר זיך פונקט אזא מאכערייקע, ווי אין איינעם פון זיינע ליבלינג-טעאטערע, נאר ווי קומט עס צו זיי? יענע זיינען דאך אזוי שעהן. איהם קאן נאך איינפאלען, אז הער שווארץ מאטערט זיך נעבאך נאכצומאכען די שטימע, די מינע פון דעם אדער יענעם אקטיאר, און דוקא ניט שלעכט אין מאנכע מאמענטען, אבער, ווי קומט ער, דער שווארץ, צו זיין העלד, צו זיין ליבלינג?

ניין, דער קרומער שפיגעל וועט די בוטשערס און די מייקס ניט מאכען קליגער. עס איז דא נאר איין אופן, ווי אזוי צו פארניכטען דעם שונד פון דער אידישער ביהנע, און דאס איז אליין אויפצופירען גוטע פאלקס-פיעסען מיט א געזונטען אינהאלט, אהן געבלאפטע עפעקטען, אהן אירגענד וועלכע פאלשע פרעטענזיעס.

אזא האנדלונג פון איין טעאטער, שטרענג אויסגעהאלטען, אהן יאגעניש נאך רעקלאמען, אהן פוסטע באריהמעריי, און אהן דעם וואונש צו וועלען האבען א „קאַרדילאק און א הויז אין סי-געיט" קאן ווירקליך פירען צו דער ענדליכער אויסלייטרונג

א פלעק אין דער משפחה

(פעליעטאן)

פון ז. וותילער.

עס איז ביי אונז געווען א כלל, אז רבנים האבען א חזקה אויף מחלוקת. איין רב אין שטעדטעל איז נאך געווען צו דערליידען. די בעלי בתים האבען געהאט דרך ארץ פאר איהם און ער אליין איז טאקע אויך געווען מעהר מענש ווי רב. איז אבער אנגעקומען אין שטעדטעל א צווייטער רב, איז תיכף געווארען מחלוקת. די קהלה איז צושפאלטען געווארען אויף צווייען; איין צד מיט דעם רב, דער צווייטער צד — מיט'ן צווייטען רב; וואס איינער האט גע'כשר'ט, האט דער צווייטער גע'אסר'ט; האט איינער געזאגט כשר, האט דער צווייטער געזאגט טריף, און קהל האט זיך דערוואוסט וועגען רבנים אזעלכע זאכען, אז ביי אלעמען האבען זיך ממש די האר געשטעלט קאפויר. בעלי בתים וואלטען ניט געוואגט צו דערנעקען פון בעדער אזעלכעס, וואס איין רב האט געזאגט אויפ'ן צווייטען. צוויי רבנים אין איין שטאדט זיינען ווי, להבדיל, צוויי קעץ אין איין זאק.

אינטערעסאנט איז, ווי גרינג עס קומט אן יעדען צד צו קריגען אנהענגער. עס זיינען דא מענשען, וואס זיינען שטענדיג גרייט זיך אנשליסען אין א ראד וואו מען טאנצט, אדער זיך אריינווארפען אין א געשלעג און זיך שלאגען ביז בלוט און נאכדעם ערשט זיך פרעגען צוליב וואס מ'שלאגט זיך... די זעלבע בעלי בתים פון שטעדטעל, וואס האבען אלע יאהרען זיך געלעבט בשלום, ווערען זיך פלוצלונג דם שונאים; באשר דו האלטסט מיט דעם רב, האלט איך אויף צו להכעיס מיט יענעם...

די דאזיגע חזקה אויף מחלוקת, קריגעריען און שפאלטונגען האבען די רבנים אריבערגעבראכט, צוזאמען מיט'ן שטריימעל, פון די רוסישע קליינע שטעדטלאך קיין אמעריקא. וועמען איז דאס ניט באקאנט די מחלוקת'ן פון די ר' וועלוועלאך, ר' יפה'לאך און אנדערע רבנים פון ניו יארק און אנדערע שטעדט — די פראטאטיפען פון די לינקע קאמיסארען, וועלכע האבען מיט זייער אומטאלעראנץ און תאוה פאר העגעמאניע אזוי פיל ביינעשטייערט צו דער הפקרות אין די קרייזען פון דעם רעליגיעזען יודענטום?

ניט לאנג צוריק איז פארגעקומען א קריגעריי צווישען רבנים פון א געוויסער שטאדט. איין רב האט דעם צווייטען פארגעווארפען עפעס א הכשר אויף טריפה פלייש, און דער צווייטער האט אפגעענטפערט מיט א מעשה אשת איש... קאמפלימענטען האבען זיך געשאטען פון בידע זייטען ווי צווישען איישישאקער בעלי-עגלות.

א יונגערמאן, וואס איז אנוועזענד געווען בעת מעשה, און וועמען עס האט גענומען עקלען פון די מיאוסע באשולדיגונגען, וואס די רבנים האבען געשליידערט איינס אויף דאס אנדערע, איז ענדליך ארויס פון די כלים און זיך אפגערופען:

— געדענקט, רבנים! איהר וועט ברייננען דערצו, אז מ'וועט אפלאזען א שידוך, אז מ'וועט זיך דערוויסען, אז עס איז דא א רב אין דער משפחה...

ווען מ'קוקט זיך צו צום שטורעמדעל וואס ס'קומט פאר אויף די שפאלטען פון די פאר בלעטלאך וואס האלטען אין ערנערע די סאציאלע רעוואלוציע, קומט ניט ווילענדיג ארויף אין געדאנק דער אויסגעשריי פון יענעם יונגען מאן.

די זארג איז ניט אזוי שטארק, צי די אדער יענע וועלען איבערקערען אונזער מדינה, ווי דאס וואס מ'וועט נאך אפלאזען א שידוך, ווען מ'וועט זיך דערוויסען, אז ס'איז דא א סאציאליסט אין דער משפחה.

שטעלט אייך פאר, ווען מיר זאלען גלויבען אפילו בלויז פופציג פראצענט דערפון, וואס מ'האט זיך קאמפלימענטירט פון אלע זייטען, רעכטע, מיטעלע און לינקע, דאן איז דאך „טעמעני" א גן-עדן פון לויטער צדיקים, און עס איז דאך ווירקליך א בזיון צו האבען אזא איינעם אין א משפחה.

עס איז אמת, די קלענערע נעמען די גאנצע טראגי-קאמעדיע ניט אזוי שטארק ערנסט, ווייל נאך אלעמען איז דאך דאס א פלונתא איבער א ביצה שלא נולדה — און עס ווילט זיך אויסשרייען מיט דעם ריכטער ביאליק'ס ווערטער:

וצר לי עליכם, בני, ולבי לבי עליכם:
חלליכם — חללי חנם, וגם אני וגם אתם
לא ידענו למה מתם ועל מי ועל מה מתם,
ואין טעם למותכם כמו אין טעם לחייכם.

נאר ווען מען באטראכט אונזער דלות, ווען דאס אנשטעלען אדער אנטזאגען פון א פאר מיטארבייטער אין א צייטונג האט ביי אונז אזא גרויסע באדייטונג, אז ממש די צוקונפט פון דער מענשהייט הענגט אפ דערפון, מוז מען ווירקליך דאנקען דעם רבונו של עולם, וואס ער טוט מיט אונז רק נסים. ווארום ווען גאט זאל געווען מאכען ווייך דאס הארץ פון די „פארווערטס" בעלי בתים און די פינף מיטארבייטער זאלען געווען פארבליבען ביי זייערע שטעלעס, דאן וואלט די געשיכטע פון



אייערע קינדער'ס אויגען

האבען אייערע קינדער שוועריגקייט אין לערנען? געפינען זיי זייערע לעסאנס צו שווער? איז זייער זכרון שארף אדער שוואך?

אין פיעלע פעלע איז דאס דער רעזולטאט פון שוואכע, אנגעשטרענגטע אויגען און א פאר גוט צוגעפאסטע ברילען העט זיי אייך בעפרייען פון יעדע שוועריגקייט און העלפען זיי אין זייער לערנען.

זעהט זיך מיט דר. בעקער'ן אין איינע פון זיינע 5 אפטיקעל אפיסעס און א עקזאמינאציאן וועט באשטימען דעם צושטאנד פון זייערע אויגען.

5 בראנטשעס אין גרייטער ניו יארק

Dr. Barnett L. Becker

אפטאמעטריסט און אפטישאן

215 איסט בראדוויי ניער קלינטאן סטריט	895 פראספעקט עוו. נעבען 163סטע סטריט
102 לענאקס עוועניו נעבען 116טע סטריט	1709 פיטקין עוועניו נעבען ראקאוועי עוועניו

262 איסט פארדהעם ראוד, בראנקס

דער ארבייטער רינג

איז דער גרעסטער און שטארקסטער ראדיקאלער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

פארמאגט — $1,500,000
מיטגלידער — 82,000
בראנטשעס — 645

דער ארבייטער רינג איז דער קולטור צענטער אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

דער ארב. רינג שטיצט יעדען הויכציגען קאמפאניען און פאליטישען קאמף.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מיטגליעדער.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

אויב איהר זייט נאך נים קיין מיטגליעדער, שליסט זיך גלייך אן!

פאר אויסקינפטע ווענדעט זיך:

THE WORKMEN'S CIRCLE
175 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

מיר גיבען גערעכטיגקייט
צו די וואס ווילען לערנען

דעזיינינג, פעטערן־מייקינג און גריידינג

פון פרויען, מיסעס, דזשוניארס, טשילדרענס און אינפאנטס גארמענטס.

זעהט דעם הויפט קאלעדזש פאר דעזיינינג פעטערן מייקינג

פראפ. י. ראזענפעלד,
דירעקטאר.

222 איסט 14טע סטריט, ניו יארק.

הארלעם סאציאליסטישער עדיוקיישאנאל סענטער

62 איסט 106טע סטריט,

צווישען פארק און מעדיסאן עוום.

צו פארדינגען א גרויסען האל

קאן אריינגעמען 600 מענשען

פאר קאנצערטען, בעלער, פארשטעלונגען, חתונות און אז. וו.

אויך אפיסעס און מיטינג רומס.

אפען יעדען טאג ביז שפעט ביינאכט.

טעלעפאן: הארלעם 9020.

סיזאן'ס ערשטער קאנצערט
מעטראפאליטאן'ס גרעסטער טענאר

דזשיאוואני

מ א ר ט י נ ע ל י

צוזאמען מיט

נינא מארגאנא סאפראנא — וואסא פריהאדא וויאליניסט

זונטאג ביינאכט, 30טען אקטאבער
אין היפאדראם

טיקעטס: 75 ס., 1 דאלאר, 1.50 דאלאר, 2 דאלאר, 2.50 דאלאר און 3 דאלאר צו באקומען אין „פארווערטס", די „קאל", רענד סקול און אין די העדקווארטערס פון דער סאציאליסטישער פארטיי, אונטער'ן אויפזיכט פון לאקאל ניו יארק.

קויפט אויסשליסליך

פאלאסביא טהעע צוועטאטשני טשאי וואיט לילי טהעע

מיטגלידער פון לאקאל 23!

אונזער אפיס האט צוריק גענומען אין אונזער אלטער היים, אין 231 איסט 14טע סטריט. אלע ביזנעס פון דעם לאקאל וועט איצט אטענדעט אין דעם אפיס.

טעלעפאן גרעמערסי 2441

די לעאנארד פרעס

42 איסט 23טע סט., ניו יארק

אפען יעדען טאג און אווענט א חוץ פרייטאג און זונטאג.

קאטערס, סעמפעל מאכער און אלע וואס זיינען באשעפטיגט אין דער ליידיס־גארמענט אינדוסטריע

ווי האלט עס מיט אייער צוקונפט?

פילע מענער און פרויען וואס האבען געקומען לערנען דעם דעזיינינג־פאך אין אנדערע סקולס זיינען נאכדעם געקומען צו דער

פריוואט דעזיינינג אקאדעמיע פון ה. פרינסטיין
81 וועסט 118טע סטריט.

ווייל פרינסטיין'ס איז דער בעסטער און איינפאכסטער סיסטעם. די שטונדען זיינען באקוועם און די באהאנדלונג געוויסענהאפט.

איצט איז די צייט זיך צו באנוצען מיט דער געלעגענהייט.

נייע קורסען פאנגען זיך אן דעם 1טען נאוועמבער — לייכטע טוירמס.

FRINSTEIN'S PRIVATE DESIGNING ACADEMY
FRINSTEIN BUILDING
81 West 118th Street

Near Lenox Avenue — Tel. University 4948

קלאוק, סקוירט און דרעס פרעסערס יוניאן לאקאל 35

אויפמערקזאם!

ספעציעלע מיטינגען

וועלען אפגעהאלטען ווערען

מאנטאג, 31טען אקטאבער, 8 אוהר אווענט

אין פאלגענדע פלעצער

אלע ניו יארקער פרעסערס וועלען מיטען אין „פארווערטס" האלל, 175 איסט בראדוויי.

אלע בראנזווילער פרעסערס וועלען מיטען אין 219 סעקמאן סטריט, בראנזווילער לייבאר לייסעאום.

עס וועט פארקומען

ערשטע און לעצטע נאמיניישאנס

פאר מענעדזשער, טשערמאן פון לאקאל און עקזעקוטיוו באארד מעמבערס און סעקשאן בעאמטע.

קומט און נאמינירט די פעהיגסטע און פאסענדסטע קאנדידאטען.

ברייננט מיט זיך אייערע יוניאן ביכלאך ווייל נאר מעמבערס פון לאקאל 35 וועלען קאנען זיין ביי די מיטינגען.

דזש. ברעסלאו, מענעדזשער.

קורצע שמועסען
צווישען דעם רעדאַקטאָר :: און די לעזער ::

בן נון. — אלזאָ, צום 4טען און לעצטען מאָל. איהר האָט אונז געשיקט אַ בריף, אין וועלכען איהר ווייזט אָן אויף אַ געוויסען איבעל אין די קלאָוק־שעפּער און אייער שטאָדט. מיר האָבען אייך גלייך געענטפערט, אַז אויב עס איז אַזוי, ווי איהר שרייבט, איז עס געוויס עטוואָס, וואָס דאַרף פאַרעפענטליכט ווערען, און וועמען דאָס זאָל ניט טרעפען, מאָר ער ניט געשאָנעוועט ווערען. אָבער, האָבען מיר אייך ערקלערט, מיר מוזען זיין צוערשט זיכער, אַז דאָס איז אַזוי, ווי איהר שרייבט. און צוליב דעם האָבען מיר זיך געלאָזט אינפאָרמירען פון אַ מענשען, אויף וועמעס מיינונג מיר קענען זיך פאַרלאָזען. ווען מיר האָבען ערהאַלטען די נויטיגע אינפאָרמיישאָן, האָבען מיר אייך געענטפערט, אַז כמעט אַביסעל אמת איז דאָ אין דעם, וואָס איהר האָט אונז געשריבען, אָבער איהר האָט עס אַביסעלע איבערטריבען. אויך האָבען מיר אייך ערקלערט, אַז דער איבעל, אויף וויפיל ער איז דאָ, קען ביסלאַכווייז אָפּגעשאַפט ווערען אויף אַן אַנדער וועג. די עפענטליכקייט קען ביז צו אַ געוויסען גראַד די לאַגע פאַרערגערען. האָט איהר אָבער דעם ענטפער פאַרזעהן, און איהר האָט ביי אונז ווידער אַמאָל אָנגעפרעגט, ווארום דרוקען מיר ניט אייער בריף. האָבען מיר אייך געענטפערט: „האָט איהר געלייענט אונזער ענטפער? זייט אַזוי גוט, זוכט אויף דעם באַטרעפענדען נומער „גערעכטיגקייט" און לייענט איהם איבער". און איצט, נאָכדעם ווי איהר האָט שוין געלייענט אונזער ענטפער, פאַרלאַנגט איהר נאָך אַלץ אַ „קלאָרען" ענטפער. אָבער, פאַר גוטנעם סעיק, ווי קלערער קען געמאַכט ווערען אונזער ענטפער? אלזאָ, קורץ און גוט: אייער בריף קען ניט און וועט ניט פאַרעפענטליכט ווערען אין דער „גערעכטיגקייט", ווייל, ערשטענס, איז אייער באַשולדיגונג ביז צו אַ געוויסען גראַד איבערטריבען; און, צווייטענס, וועט דער בריף, אויב מיר זאָלען איהם פאַרעפענטליכען, די לאַגע אויף אַ האָר ניט פאַרבעסערען, נאָר איהר נאָך ערגער מאַכען. נאָר, אויב עס איז דער וואונש, ווי איהר שרייבט פון אַ ל ע מעמבערס, אַז דאָס זאָל יע פאַרעפענטליכט ווערען, קענען זיי עס אויספירען גאַנץ לייכט. זיי קענען האָבען אַ מיטינג, אויף וועלכען די דאָזיגע פראַגע זאָל דיסקוטירט ווערען און דאַן ארייַנשיקען אַ באַריכט מיט דעם שטעמפעל פון לאָקאַל. איבער אַן אָ פ י צ י עלען באַריכט האָט די רעדאַקציע קיין שליטה ניט, אַ חוץ וואָס זי קען מאַכען איהר פירוש — אַ פּריווילעגיע, מיט וועלכער זי באַנוצט זיך גאַנץ זעלטען.

ו. אייזנער. — 1) מיר פאַרשטעהען ניט גוט אייער טענה. מיינט איהר צו זאָגען, אַז די נעמען פון די, ביי וועמען איהר האָט קאָלעקטירט דעם האַלבען טאָג ווייַדזשעס פאַר רוסלאַנד, זיינען ניט פאַרעפענטליכט געוואָרען? אויב אַזוי, איז עס געוויס אַ פאַרזעהן אָדער פון ברודער מאַקאָף, אָדער פון הבחור הזעצער. דאָס בעסטע צו טאָן אין דעם פאַל, אַנשטאַט אַ קאָמיטע, איז אַריינצושיקען נאָך אַמאָל די ליסט פון די, וועלכע האָבען בייגעטראָגען — נעוויער מיינד די, וועלכע האָבען געגעבען אייך „עקסקיוזעס" אַנשטאָט זייער ביישטראַג: די פאַרדינען עס ניט, אַז מען זאָל זייערע נעמען דערמאָנען, — און מיר וועלען די נעמען פאַרעפענטליכען; 2) דאָס, וואָס די באַטרעפענדע האָבען ניט געקראָגען די צייטונג, איז אַ זעהר פאַרדראָסיגע זאַך. מיר האָבען די ליסט גלייך איבערגעגעבען אין די ריכטיגע הענד. עס מאַכט זיך אָבער אַמאָל אַן אָפּהאַלט. לאָמיר האָפען, אַז איצט קריגען שוין די צייטונג אַלע אייערע שאַפ־אַרבייטער, און דאָס זיי לעזען איהר מיט הנאה און מיט נוצען, אַזוי, דאָס איהר און מיר אַלע זאָלען קענען פיהלען, אַז אונזער מיה איז, לכל הפחות, ניט אין גאַנצען אומזיסט; 3) עס פרעהט אונז צו הערען, אַז אייער וואונש אין דער פראַגע פון אויסלייגען ווערט ערפילט, דאָך אַ שטיקעלע נחמה אין לעבען.

ק. ליף. — אונז דוכט זיך, אַז איהר האָט מיספאַרשטאַנען אונזער נאָטיץ, אין וועלכען מיר האָבען אָנגעפרעגט ביי געג. שלאָסבערג מכח זיין שטעלונג צו אימיגריישאָן אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלען שניידער־קאָנגרעס אין קאָפּענהאָגען. עס איז ניט געווען אין דעם נאָטיץ קיין טראָפּען פון אַ „פייַנדליכער אָנזיכט" ניט צו געג. שלאָסבערג פּערזענליך און ניט צו דער אַמאַלגאַמייטעד. מיט געג. שלאָסבערג זיינען מיר אין די בעסטע באַציהונגען. אין די לעצטע יאָהרען האָבען מיר קיין שלעכט וואָרט ניט געזאָגט וועגען איהם און דאָס זעלבע ער וועגען אונז. וואָס אַנבאַטרעפט די „אַמאַלגאַמייטעד", ווייסען אַלע אונזערע אַמת'ע פריינדשאַפט צו איהר פון דעם ערשטען טאָג, ווי זי איז געבאָרען געוואָרען ביז דער סאַמע איצטיגער צייט. וואָס איז נאָר געווען אין אונזערע כוחות, אום צו העלפען דיזע גרויסע ארבייטער־קערפּערשאַפט אין אַלע איהרע קאַמפע און נויטען, דאָס האָבען מיר געטאָן. טו ווי קען דאָ זיין די רעדע פון אירגענד אַ פייַנדליכער אָנזיכט? פאַרקערט, מיר האָבען געהאַלטען פאַר נויטיג [illegible] צו מאַכען אויף דעם רע־ פאָרט געג. שלאָסבערג, כדי ער זאָל קענען עס גלייך אָפּלייקענען. און איצט, אַז ער האָט עס געטאָן, און האָט גאַנץ קלאָר ארויסגעזאָגט זיך, אַז ער האָט זיך אין דער הינזיכט בשום אופן ניט געענדערט, און דאָס ער איז איצט, ווי אַלע מאָל, געגען פאַרמאַכען די טויערען פון אַמעריקא פאַר אימיגראַנטען פון יוראָפּ, קענען מיר נאָר אויסדריקען אונזער פולסטע צופרידענהייט. עס פאַרדריסט אונז נאָר וואָס געג. שלאָסבערג האָט ניט געהאַלטען פאַר נויטיג אונז דירעקט צו ענטפערען, און האָט זיך באַנוצט מיט אַזאַ מאָדערנער מעטאָדע, ווי צו שרייבען אַ בריף צו וואַן חעג, וועלכער געפינט זיך טויזענדע מיילען ווייט פון אונז. דאָס איז אַ סמן, אַז געג. שלאָסבערג האָט פאַרשטאַנען אַזוי שלעכט אונזער אָנזיכט, ווי איהר, און דאָס טוט אונז ווירקליך לייד. ווער האָט געפאָדערט פון געג. שלאָסבערג, אַז ער זאָל אויפרופען עדות פאַר זיין פאַרטיידיגונג? און אויב שוין יאָ עדות, טו וואָרום זיך ווענדען צו אַן עדות, וואָס איז מעבר לים, אַז מיר האָבען דאָך עדות אַזוי נאָהענט? אָבער, ווער דאַרף די עדות גאָר אין גאַנצען? גענוג פאַר אונז די ערקלערונג פון געג. שלאָסבערג, אַז ער שטעהט אין דער פראַגע פון אימיגראַציע דאָרט, וואו ער איז אימער געשטאַנען. און וואָס אַנבאַטרעפט די פראַגע, וואָס איז פאָרגעקומען אויף דעם קאָנגרעס אין קאָפּענהאָגען, וואו, ווי עס זעהט אויס, געג. שלאָסבערג איז מיספאַרשטאַנען געוואָרען ניט בלויז פון די פרעמד־שפּראַכיגע דעלעגאַטען, נאָר אויך פון די דעלעגאַטען, וועלכע ריידען בלויז ענגליש? איז, לויט אונזער מיינונג, די זאַך גאַנץ פּראָסט. געג. שלאָסבערג האָט ניט ברייט און קלאָר גענוג ערקלערט זיין פאָרשלאַג, אַז די פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, וואָס געהערען צום אינטערנאַציאָנאַלען שניידער־פאַרבאַנד זאָלען זיך בייטען מיט די נויטיגע אינפאָרמאַציעס איבער דער לאַגע אין טרייד, אַזוי אַז ווען עס איז, צום ביישפּיל, אַזאַ אַרבייטסלאָזיגקייט, ווי איצט, אָדער, ווען עס געהט אָן אַ גרויסער סטרייק, ווען די באָסעס קוקען־אויס אויף גרינגע, וועלכע זיינען אַ גוטער סטרייק־ברעכער מאַטעריאַל, זאָלען די אַ ר ב י י ט ע ר־אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע ס, נ י ט ד י ר ע ג י ר ו נ ג ע ן, זאָרגען, אַז די אימיגראַציע זאָל פאַר די צייט ווי ווייט מעגליך באַשרענקט ווערען — אַ פאָרשלאַג, וועגען וועלכען עס לאָזט זיך דיסקוטירען, און וועלכער האָט ווירקליך ניט צו טאָן מיט דער באַשרענקונג פון אימיגראַציע דורך דער רעגירונג. געג. שלאָסבערג האָט זיכער געמיינט זעהר גוט. ער האָט נאָר באַגאַנגען דעם פעהלער, וואָס אַנשטאָט צו ריידען מיט וואַן חעג, האָט ער בעסער באַדאַרפט פריהער זיך דורכריידען מיט די אַמעריקאַנער און ענגלישע דעלעגאַטען. דאַן וואָלט קיין פּלאַץ און קיין מעגליכקייט ניט געווען פאַר אירגענד אַ מיספאַרשטענדניס, וואָס קיינער באַדויערט ניט אוודאי אַזוי שטאַרק, ווי געג. שלאָסבערג אַליין. אלזאָ, מיר האָבען מעהר מיט דער אַנגעלעגענהייט גאָרניט וואָס צו טאָן. לייַדער קענען מיר ניט פאַרווערען אונזער סענסאַציע־הונגעריגער אידישע פּרעסע צו מאַכען דערפון אַ גאַנצען צימעס, ווי דאָס איז שוין פון אייביג אָן איהר שטייגער.

הערמאַן. — מיר לייענען ניט יענע אויך־מיר צייטונגען, אָבער מיר וועלען ניט לייקענען, אַז דאָס וואָס אַנבאַטרעפט אונז, טראָגט מען אונז אָפּט אונטער אָדער מען שיקט עס אונז צו. ענטפערן אָבער אויף די שמוציגע אַנגריפע פון דיזע גראַביאַנען און, אפשר, אויך גאַנץ טונקעלע פאַרדעכטיגע נפשות, דאָס האַלטען מיר פאַר אונטער אונזער ווירדע. זיי שמוצען־אונז? זאָלען זיי, אונז קען עס ניט שאַדען. אונזער גאַנצער עפענטליכער לעבען; אַלעס, וואָס מיר האָבען געטאָן פאַר באַלד פערציג יאָהר, איז אונזער בעסטער עדות, וואָס פאַר אַ נידערטרעכטיגע ליגנער עס זיינען די, וועלכע וואַרפען שמוץ אויף אונז. באַטראַכט, אַז די אַלע שמוץ־וואַרפער האָבען דאָך ניט אפילו דעם טרויעריגען מוט ארויסצוקומען מיט זייערע נעמען. באַטראַכט אויך, אַז די אַלע פאַרלוימדער האָבען דאָך פּראַקטיש גאָר קיינע נעמען ניט. ווער קען זיי? ווער ווייס זיי? וואָס האָבען זיי אויפגעטאָן אין זייער אויך־מיר־לעבען? טו מיט וועמען און געגען וועמען זאָלען מיר ארויס אין קאַמף? געוויס, וואָלטען אַט די מענשען געווען אַרגומענטס־פעהיג, וואָלטען מיר אוודאי געטאָן אַלעס אין אונזערע כוחות, און זיי אויפגעקלערט. אָבער דאָס זיינען זיי ניט, אַלעס וואָס זיי קענען איז נאָר זידלען, שמוצען. דאָס איז זייער איינציגע טרויעריגע וואָפע. ווילט איהר, אַז מיר זאָלען באַנוצען די „גערעכטיגקייט" פאַר אַזאַ מין „קאַמף"? טאָמער איז דאָ איין ריינע צייטונג אין דער גאַנצער אידישער ניו יאָרקער פּרעסע. ווילט איהר אויך זי זעהן אומגעוואַנדעלט אין אַ רינשטאָק־בלעטעל? ניין, מיר וועלען עס ניט טאָן, און מיר קענען עס ניט טאָן. אונזער „גערעכטיגקייט" מוז און וועט בלייבען אַזוי ריין און אַזוי שעהן, ווי זי איז עס געווען ביז איצט, ווענינגסטענס אַזוי לאַנג, ווי מיר וועלען האָבען וואָס צו זאָגען איבער דער „גערעכטיגקייט".

פ. בערמאַן. — נישטאָ ביי אונז קיין יחסנים. מיר מאַכען ניט קיין אויסנאַהם מיט דעם אָדער מיט יענעם. ווייל, אייניצער האָבען עפּעס פאַרעפענטליכט אין דער צייטונג, זאָל עס זיין אַ בריף, אַ ליד, אַ סקיצע, אָדער אַן אַרטיקעל, מוז ער עס אַריינשיקען צום רעדאַקטאָר גאָר שוין אירגענד וועלכע תנאים. מיר זאָגען קיינעם ניט צו און קענען קיינעם ניט צוזאָגען, ווי שנעל מיר וועלען איבערלעזען די זאַך, און וואָס מיר וועלען טאָן נאָכהער; איהר ווילט ניט, ווי אַנדערע, קריגען אַן ענטפער דורך די שמועסען, ערקלערען מיר אייך, אַז דאָס איז אונזער איינציגער וועג ווי מיר ענטפערען אונזערע לעזער און שרייבער. מיר ווילען מיט קיינעם קיין אויסנאַהם ניט מאַכען. און איצט האָט איהר די ברירה. איהר קענט אָדער צושיקען אייער אַרטיקעל אויף א ו נ ז ע ר ע באַדינגונגען, אָדער איהר קענט זיך אויסזוכען אַ צייטונג, דער רעדאַקטאָר פון וועלכער פיהרט זיך אויף אַביסעל אַנדערש, און אויב איהר ווילט, אַביסעל בעסער, מילדער, ווי מיר, אַזוי פיהרען מיר אונזער וועלטעל.

שלמה גרינבערג. — דאָס ווערטעל, אַז „אַ האַלבער לעבעל ברויט איז בעסער, ווי גאָרניט", שטאַמט ניט פון שכל. גיכער איז עס אונזער מאַגען, וואָס זאָגט אונז אונטער די דאָזיגע גרויסע חכמה. און מיט'ן מאַגען איז אַ ביטערער עסק צו אַרגומענטירען. באַווייזט איהם מיט אַלע ראיות, אַז גאָרניט איז בעסער ווי אַ האַלבער לעבעל ברויט, וועט ער אייך הערען, ווי דעם קאַטער, און וועט בלייבען ביי דאָס זייניגע, אַז אַ האַלבער לעבעל ברויט איז פאָרט בעסער, ווי גאָרניט.

פינאַנס־רעפּאָרט פון דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן אין פילאַדעלפיא

פון 1טען דזשולייַ ביז 30טען סעפּטעמבער, 1921).

איינגאַהמע:

לאָקאַל 2:

דיוס	$6230.10
פאָנדס	1019.15
איניציאיישאָן פי	679.00
פרעסער פאָנד	277.00
בילדינג פאָנד	70.00
דאָקטאָר עקזאַמינײשאָן	66.00
שטראָפען	58.00
אָרגאַניזיישאָן פאָנד	37.00
מעמבער קאַרדס	23.20
טאָטאַל	$8459.45

לאָקאַל 53:

דיוס	566.00
איניציאיישאָן פי	90.00
פאָנדס	45.40
בילדינג פאָנד	30.00
אָרגאַניזיישאָן פאָנד	7.25
שטראָפען	5.00
טאָטאַל	$743.65

לאָקאַל 69:

דיוס	2332.40
פאָנדס	226.10
בילדינג פאָנד	210.00
איניציאיישאָן פי	202.00
אָרגאַניזיישאָן פאָנד	28.00
טאָטאַל	$2998.50

פאַרשידענעס:

סעקיוריטיס	3400.00
רענט	549.65
סקוירט מייקערס בראַנטש	166.45
מאַנופעקטשורער שטראָף	25.00
צוריקגעקראָגען אָרגאַניזיישאָן	25.00
טאָטאַל	$4166.10
באַלאַנס לעצטען קוואָרטאַל	14814.59
טאָטאַל	$31182.29
אויסגאַבען	20510.37
באַלאַנס	$10671.92

אויסגאַבען:

סטרייק עקספּענסעס	$4115.16
סאַלאַריס	3966.00
דיוס סטעמפּס	2500.00
אומגעקערט צו די פאָנדס	2427.30
סטרייק בענעפיט	2115.00
אָרגאַניזיישאָן	1157.35
צוריקגעגעבען סעקיוריטיס	900.00
קוילען און אייז	641.60
פּרינטינג	496.29
ליגעל עקספּענסעס	359.90
קאָמיטעס קאַר פערים	297.70
דיסקאַונט	295.50
געליען צו די איסטערן אַרבייטער	216.85
אַדווערטייזמענטס	190.00
צוריקגעצאָהלט דיוס	184.35
שטיצע צו אָרגאַניזיישאָנס	128.50
עלעקטריק פּענס	108.00
פאַרשידענעס	91.52
טעלעפאָנס	89.79
פּאָסטיידזש	89.92
עלעקטריק	55.74
געווערקשאַפטען	36.00
דאָקטאָר עקזאַמינײשאָנס	22.50
צוריקגעגעבען שטראָפען	15.00
סטיישאָנערי	10.40
	$20510.37

פאַרמעגען דזשוינט באָארד:

קעש באַלאַנס	10671.92
בילדינגס אינוועסטמענט	55000.00
פאַרניטשור	4000.00
1113 דיוז סטעמפּס	111.30
געליען צו די אַרבייטער פון איסטערן	216.85
	$70000.07
שולדען	43023.33
באַלאַנס	$26976.74

שולדען פון דזשוינט באָארד:

ערשטער מאָרטגיידזש	15000.00
בילדינג דעפּאָזיט	13899.33
לאָקאַל פאָנדס	9700.00
סעקיוריטיס	2500.00
סאַניטאַריום אַסעסמענט	1825.00
דזשענעראַל אַסעסמענט	99.00
	$43023.33

[illegible]נדען פון די לאָקאַלס:

בילדינג פאָנד:

רענט	549.65
5 דאָלאַר טעקס	310.00
טאָטאַל	$ 859.65
סיטי טעקסעס און אינטערעסט	1528.50
דעפּיציט	$ 668.85
דעפּאָזיט פון בעפאָר	13230.48
טאָטאַל דעפּאָזיט	$13899.33

לאָקאַל 2, סיק פאָנד:

באַלאַנס פון בעפאָר	14999.50
איינגאַהמע	811.20
טאָטאַל	$15810.70
אויסגעצאָהלט	368.00
באַלאַנס	14942.70

רעליף פאָנד:

באַלאַנס	1955.59
איינגאַהמע	198.30
טאָטאַל	$2153.89
אויסגעצאָהלט	600.00
באַלאַנס	$1553.89

פרעסער פאָנד:

באַלאַנס	1240.75
איינגאַהמע	277.00
טאָטאַל	$1517.75
אויסגעצאָהלט	185.00
באַלאַנס	$1332.75

עמוירזשענסי פאָנד, לאָק. 2:

באַלאַנס	1791.70
איינגאַהמע	198.35
טאָטאַל	$1990.05

לאָק. 69, סיק פאָנד:

באַלאַנס	2233.00
איינגאַהמע	113.00
טאָטאַל	$2346.00
אויסגעצאָהלט	177.00
באַלאַנס	$2169.00
לאָקאַל 53 פאָנד	1124.75
אויסגעצאָהלט	165.00
באַלאַנס	$959.75
אַסעסמענט פאָנד לאָקאַל 2	311.30
אַסעסמענט פאָנד לאָקאַל 69	113.10
אַסעסמענט פאָנד לאָקאַל 53	45.40
באַלאַנס פון בעפאָר	3207.45
טאָטאַל	$3677.25
אינטערעסט	2029.96
טאָטאַל	$28655.35

וואו די געלט איז:

בילדינג דעפּאָזיט	13899.33
דזשאָינט באָארד שולדען	9700.00
פּיפּעלס באַנק	2307.33
סייווינג סטעמפּס	1000.15
ליבערטי באָנדס	1000.00
סענטראַל באַנק	391.52
פּיפּעלס באַנק	188.65
7טע וואַל נאַט	85.40
10טע וואַללאַס	82.97
טאָטאַל	$28655.35

מ. סענדלער,
פינ.־סעקרעטער.

קלאוק אפערייטארס יוניאן לאקאל 1

אויפמערקזאם!

די לעצטע צייט האבען זיך אנגעפאנגען צו פארמעהרען די קאר-פארייזאן שעפער. די עקזעקוטיוו באארד, אריינטראכטענדיג זיך אין דער פראגע, האט באשלאסען צו מאכען א ספעציעלע אונטערזוכונג אין דער אנגעלעגענהייט אום אויסצוגעפינען די אורזאכען וואס מאכען די-זען איבעל זיך צו פארגרעסערען און במילא וועט שוין געפונען ווערען מיטלען ווי דאס צו באזייטיגען.

ברידער, אויב איהר ווייסט פון אזעלכע שעפער, זייט איהר אויפ-געפאדערט צו קומען אין אפיס פון לאקאל 1, אריינברייגען די נעמען און אדרעסען און דערמיט העלפען אונז צו באזייטיגען דיזען איבעל וואס איז א רואינע פאר אונזער טרייד.

מיט גרוס,

עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 1

ב. קאפלאן, טשערמאן. ב. שעהן, מענעדזשער-סעק.

ליביט זאלב

אין ליביט זייף מאכט

שעהן, ריין, געזונד

ליביט זאלב נומער 1. — נעהמט ארונ-טער זומער שפרינקלען, לישעיעס, פלעקען, פימפעלס, א. ז. וו. די געזיכט ווערט שעהן, ריין און יונג. פרייז 50 סענט.
ליביט זאלב נומער 2. — היילט בייסוני-גען, אויכשלאגען, ענטציגדונגען, עקזימא, סייקאזיס, הויט-קראנקהייטען. פרייז 50ס.
ליביט זייף — איז די ריינסטע זייף. עס פארהיט פון אלע הויט-קראנקהייטען, גוט פאר גרויס און קליין. פרייז 18 סענט.
אויב אייער אפטייקער האט עס נים, דאן קענט איהר עס בעקומען אין די אפטייקען

165 סטענטאן סט. 36 עללען סט.

און 252 ריווינגטאן סט.

אויך מיט פאסט. שיקט דעם פרייז אין סטעמפס אדער מאני ארדערס.

LIBIT CHEMICAL COMPANY,

165 Stanton St. New York.

זומער אווענט.

(שלוס פון זייט 7).

פון נאכטיגע פויגעל נאכ'ן ווייטען, אומ-דערגרייכבארען און אומהיימליכען?

דאס שווייגען האט אנגעהאלטען, און געטראכט האט זי ווייטער, אז:

— אונזער פריינדשאפט און אינטימ-ליכקייט בליהט זיך ערשט פאנאנדער אין דער פינסטער, ווי טיפנאכטיגע בלומען... און נאך האט זי געטראכט, אז...

נאר דא האט ער זיך ווידער פאנאנ-דערגעלאכט און פארביטערט-אומ'ברח-מנות'דיג איבערגעריסען דאס שווייגען.

—אנטשוויגען געווארען... ווארום זענען מיר עס אלע אנטשוויגען געווא-רען? — האבען שוין סיידען אלע נאריש-קייטען ארויסגעזאגט?

איהרע חבר'טעס האבען זיך אזוי דער-פרעהט און אפגעלעבט, ווי פארוועלקטע בלומען אויף וועלכע מען האט אביסעל ריין וואסער ארויפגעשפריצט, און אנגע-הויבען הויך לאכען.

נאר זי, רבקה, האט שטיל פאר זיך געטראכט:

— בעסער וואלט ער שוין ניט געווען געקומען...

און שטיל, אין דער פינסטער, האט זי געגלעט א ווארים, צעקנייטשט שטיקעל פאפיר. און דער געשרומפענער בריף האט זיך איהר געפיהלט, ווי א נאך-ווא-רים טויט קערפערעל פון א יונגען פויגעל.

האט זיך נאך אמאל צו זיך שטיל א זאג געטאן:

— בעסער וואלט ער שוין ניט געווען געקומען...

דעזיינערס פאר פרויען קליידער ווערען זעהר פיעל פארלאנגט!

לייכט צו לערנען און פיעל געלט צו פארדינען!

הונדערטע לייטע האבען שוין אויס-געלערנט אונזער מעטאדע און יעצט פארדינען זיי פיעל געלט.

נעהמט איצט א קורס

— אין די —

מיטשעל סקול

אין דעזיינינג פאר פריען, מיסעס און קינדערשע קליידער. א קורס אין מיטשעל סקול מיינט א באל-דיגע פאזישאן און גרויסע געהאלט.

די מיטשעל סקול או גארמענט דעזיינינג, פעטערן מייקינג, גרייד-דינג און פיטינג פאר פרויען קליי-דער. עטאבלירט איבער 50 יאהר מיט דעם גרעסטען ערפאלג.

נייע אידעען. נייע סיסטעמען. בעסטע מעטאדען. בעסטע רעזולטאטען.
פריוואט אונטערריכט אין אידיש. טאג און אווענט קלאסען.
גוטע באדינגונגען.

שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט פאר א פרייען בוקלעט און אויסקינפטע.
אווענט קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.

DEMONSTRATIONS FREE AT THE SCHOOL

MITCHELL DESIGNING SCHOOL

912-920 BROADWAY (Cor. 21st St.), NEW YORK

Phone: Stuyvesant 8383

Boston Branch: 453 Washington Street, Dexter Building.

וויסט און דרעס מאכער אויפמערקזאם

נעמענדיג אין אנבאטראכט דעם צושטאנד אין דער אינדוסטריע, די אלגעמיינע ארבייטסלא-זיגקייט און דעם שטילשטאנד אין די שעפער, האט דער דזשאינט באארד באשלאסען, דאס דיזען יאר זאל קיינעם אין די שעפער ניט ערלויבט זיין צו ארבייטען

שבת נאכמיטאג אדער זונטאג

צוליב די יום טובים.

מיר ווילען אבער זיין צופרידען צו שיקען אין די שעפער עקסטרא ארבייטער אויף ארויסצוהעל-פען, צו העלפען פארטיג מאכען די נויטיגע אר-בייט.

דער באשלוס וועט שטרענג דורכגעפירט ווע-רען און די וואס ווילען ניט אויספאלגען ווילען פון דער יוניאן באשטראפט ווערען.

דזש. באארד וויסט און דרעס מאכער יוניאן

דזש. האלפערין, דזשענ. מענעדזשער. מ. ק. מאקאוו, סעקרעטער.

$2.50 $1.50

ח. ס. מערמילשטיין, 392 גרענד סט.

דעזיינינג און סקעטשינג

א וואונדערבארע פראפעסיע!!!

פארלירט נים די געלעגענהייט — פאנגט אן גלייך.

איהר קאנט ווערען א פעטערן מאכער און א גארמענט סקעטשער אין דריי מא-נאטען אדער אין נאך ווייניגער. מען דארף נים האבען קיין עקסטרא טאלאנט אויסצולערנען זיך דעם „מאדערן סיסטעם" פון פעטערן-מייקינג, גריידינג, דראפ-טינג, גארמענט סקעטשינג, פיטינג און דרייפינג פון ליידיס, מיסעס און טשיל-דרענס קלאוקס, סוטס און דרעסעס.

פריוואטע לעסאנס פון פראקטישע עקספערטען—מעסיגע פרייזען.

קומט אירגענד וועלכען אווענד פון 7 ביז 9. שבת נאכמיטאג, פון 2 ביז 4.

די מאדערן פעשאן אקאדעמי.

114 וועסט 44טע סט., רום 701. אנטקעגען דעם בעלאסקא טעאטער.

קלאוק פינישערס יוניאן, לאקאל 9

אויפמערקזאם!

מיר פאדערען אויף אלע מעמבערס וועלכע האבען לעצטענס געטופט פון זייערע וואוינונגען אדער דורך אן אנדער אורזאכע געביטען זייער אדרעס, גלייך צו לאזען וויסען אייער נייעם אדרעס אין אונזער אפיס פון לאקאל.

עס איז זעהר וויכטיג און נויטיג.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 9

איזידאר פארקין, מענעדזשער.

קוויטירונגען פון ניו יארקער וועסט און דרעס שעפער פאר סאוועט־רוסלאנד

(ווייטערע קוויטירונגען).

סעמועל דארף, 13 א. 30טע סט., סעם שאפירא, טשערמאן:

ג. אונמאן	5.00
מאקס בלום	5.00
י. קאפלאן	5.00
דזש. קופער	5.00
ת. לעווין	5.00
ס. אמוא	2.00
א. מארשגאן	2.00
דזש. סילווערמאן	5.00
סעם שער	5.00
ת. פאקס	5.00
דזש. בלושטיין	5.00
ר. פעטיציאנע	5.00
בעידינאלע	2.00
	56.00

ווערטהעים און מאנדעל, 17 וו. 17טע סט., דזש. מארגאן, טש.:

א. מאזור	2.00
ב. וואסערמאן	3.00
דזשאו מארגאן	3.00
ראוז פאסעלא	3.00
ע. באום	1.50
ק. פעטראן	2.00
ר. סטיינהארט	3.00
ב. מעסינא	2.50
	20.00

ליטווין און בעטראן, 54 וו. 21טע סט., פ. מאגידסאן, טשערמאן:

ב. האלפערן	2.30
פ. פיירשטיין	2.30
ל. אנסטעז	2.30
ל. רעבאנדא	2.30
ל. מיצעלי	2.30
ל. רימשי	2.30
י. לאטקא	2.30
ב. פעלדמאן	2.30
מ. זשיוו	2.30
ג. מעצעלי	2.30
פ. מאגידסאן	2.30
ליטווין און בעטראן	4.70
	30.00

ס. ק. און ס. דרעס קא., 148 וו. 24טע סט., ראוז וועבקלער, טשערמאן:

ע. אלאהאם	2.00
ר. קאהען	2.00
ק. קאהען	2.00
י. ראזענקראנץ	2.00
ר. ווינקלער	2.00
מערי	2.00
ר. אלאהאם	2.00
ר. ליוויי	3.00
ב. שאצבערג	2.00
ק. קאטץ	2.00
דזש. פאגעלמאן	2.00
אסתר	2.00
מערי פ.	2.00
ושוליא	2.00
אננא	2.00
מר. מאסקאוויץ	2.00
מר. ניומאן	2.00
א. דעסילווער	2.00
קלארענס	2.00
בעססי	2.00
מר. שוב	2.00
	43.00

קאופמאן און פיינבערג, 118 וו. 22טע סט., א. עפשטיין, טש.:

ע. העלמלינג	3.00
א. העיני	1.00
ס. פרישער	1.50
ב. גאלדבערג	1.50
ר. טולטשין	1.50
דזש. גאבאמאנטע	3.00
ל. שימינסקי	3.00
ה. דזשעניגס	3.00
ב. ליבערוויטץ	1.50
ראסאא	2.00
פארטינן	2.00
בראון	2.00
וועגעורעלא	2.00
מעגנא	2.00
סאלין	1.00
ראנדאזא	5.00
פריעד	5.00
עפשטיין	5.00
ליבערמאן	5.00
ענדערס	5.00
ביילין	5.00
סבוסקאמי	5.00
זויסגלאס	5.00
א. מארגאלים	5.00
קערינסקי	5.00
שעיקען	5.00
פאפינאזו	5.00
קלעין	5.00
פ. מערוזי	3.00
ס. וואסערמאן	5.00
ב. קאופמאן	3.00
פ. סאוואן	2.00
ק. ביעב	3.00
ס. דרינאן	3.00
מ. באסינג	3.00
י. אסקין	1.50

ע. לאסקער	1.50
סאללע	2.00
קארמילי	2.00
וויטראנא	2.00
מאורא	2.00

ראוויטץ	2.00
מר. קאופמאן	2.00
סאנדלער	5.00
סעקמאר	5.00
עיזענבערג	5.00
לובטשינסקי	5.00
דרינאנסקי	5.00
אסמאן	5.00
פאלאק	5.00
וויינבערג	5.00

ר. מארגאלים	5.00
לאסקאס	5.00
בעלינסאן	5.00
ל. גאלדבערג	5.00
סאגליאטאוואנא	5.00
ביקמאן	5.00
	202.00

(ווייטערע קוויטירונגען קומט.)

Happiness For Every Home

— קויפט אייער וויקטראלא דירעקט פון —

סאול בוירנס

גרויסארטיגע, שעהנע אינסטרומענטע, וועלכע גיבען ארויס א קלארען טאן, פיינע ארבייט, אויסגעשטאטעט מיט די לעצטע פאטענטירטע אויסבעסערונגען. פאר דעם פרייז פון $100 איז עס א זעלטענע מציאה. נאך מעהר איז עס דורך אונזער ספעציעלען אפפער.

— א ספעשעל אפפער יעצט —

עכטע וויקטראלא און פיראַר קעבינעטס — בלויז $100

סאנארא פאטהע בלויז $5 מאנאטליך

וויקטראלא, גראפאנאלא בלויז $5 מאנאטליך

מיט 10 רעקארדס

צוזאמען $110

אהנע איינצאהלען

—אנדערע סטיילס פון $25 ביז $1,250—

א סייל פון פיאנאס און פלייער פיאנאס וואס טרויערגע האבען פערלאנגט, מיט א פרייז וואס גיט א מעגליכקייט יעדען צו בעזיצען א מוזיקאלישען אינסטרומענט.

דיעזע פראכטפאלע נייע

פלייער־פיאנא

$495

בלויז 3 דאלאר א וואך

דא האט איהר אן אויסערגעוועהנליכע געלעגענהייט

א משענס צו קויפען א פיאנא פון קוואליטי און סערוויס צו א גרויסער שפארונג פאר אייך!

דיזע פיאנאס, וואס שטעלען מיט זיך פאר די פיינסטע אינסטרומענטס וואס זיינען ווען געמאכט געווארען, סיי אין טאן, סיי אין קעבינעטס — זיינען ספעציעל רעדוצירט געווארען, און דער פאקט, וואס זיי ווערען פערקויפט אין סאול בוירנס סטארס גיט זיי א דאפעלטע גאראנטי — פון דעם מעיקער און פון סאול בוירנס.

און אום צו מאכען מעגליך פאר כמעט יעדע פאמיליע צו פערמאגען א פיאנא אויף יום טובים, וועלען מיר געבען די ליבעראלסטע בעדינגונגען



דיעזע נייע אפריים

פיאנא

$275

בלויז 2 דאלאר א וואך

מיר טרויען אייך. קיינע רעפערענס ניט נויטיג.

אונזערע סטארס זיינען אפען יעדען אבענד און זונטאג ביז 10 אוהר.

SAUL BIRNS

STORES OF SATISFACTION

BRONX	WASH. HEIGHTS	BROOKLYN	DOWN TOWN
813 וועסטשעסטער ניער פראספעקט עוו. סטייט באנק בילדינג פהאן: 8096 מעלראז	595 וו. 181טע סט. קאר. סט. ניקאלאס עוו. פאבליי בילדינג פהאן: 9007 וואשינגטאן	1730 פיטקין עוו. ניער זאכארו סטריט פהאן: גלענמאר 6963.	111 סעקאנד עוו. ניער 7טע סט. פהאן: 8271 ארטשארד

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפת. (איוב, כ"ז, 6). אָן סיין גערעכטיגקייט האַלט איך זיך שטאַרק, און וועל איהר נים אָפּלאָזען.

אַרבייטער פון אַלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערען!

אָפיציעלער אָרגאַן פון דער אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן

Vol. III. No. 45. New-York, Friday, November 4, 1921. פרייטאג, 4טער נאָוועמבער, 1921. PRICE 3 CENTS

די קלאָוקמאַכער וועלען ענטפערען די מאַנופעקטשורערס דורך אַ רעפערענדום וואוט

דאָס איז דער באַשלוס פון דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. — דער היסטאָרישער מיטינג פון דער קערפערשאַפט לעצטען שבת ביינאַכט. — מערקווירדיגע, זעהר איינדרוקספולע רעדעס ווערען געהאַלטען פון שלעזינגער, באַראָף, פיינבערג, יאַנאָווסקי, זיגמאַן און שעהן.

דער רעפערענדום וועט געשטימט ווערען מאָנטאָג, דינסטאָג און מיטוואָך, 7טען, 8טען און 9טען נאָוו.

אַלזאָ, איצט האָבען די קלאָוקמאַכער דאָס וואָרט. די גרויסע מיטגלידערשאַפט פון די קלאָוקמאַכער יוניאָן, די מיטגלידער פון די אַלע לאָקאַלס וואָס זיינען אַנגעשלאָסען צום דזשאָינט, וועלען איצט געבען דעם ענטפער צו די באַלעבאַטים אויף זייער אולטימאַטום; אויף זייער „אוקאַז", דאָס „בית פּאַסעמו", דעם 14טען נאָוועמבער, 1921, זאָל אין זייערע שעפער ווידער איינגעפיהרט ווערען שטיק-אַרבייט, קלענערע שכירות און אַ לענגערע אַרבייטס-וואָך.

דעם מאָנטאָג, דינסטאָג און מיטוואָך, דעם 7טען, 8טען און 9טען נאָוועמבער, דאַרפען די קלאָוקמאַכער געבען דעם ענטפער צו די באַלעבאַטים. דער באַשלוס פון דזשאָינט באָארד, איבערצוגעבען די פראַגע צו די מיטגלידער צו באַשטימען דורך אַ רעפערענדום אָפּשטימונג ווערט שוין דורכגעפיהרט און אין די דריי טעג דאַרפען אַלע מיטגלידער פון דער יוניאָן קומען צום שטימקאַסטען און באַשטימען, צי זיי נעמען אָן די באַדינגונגען וואָס די באַלעבאַטים ווילען אויף זיי אַרויפצווינגען, אָדער זיי וואַרפען עס מיט פאַראַכטונג צוריק. ווי די מיטגלידער וועלען באַשליסען דורך דער רעפערענדום אָפּשטימונג אַזוי וועט די יוניאָן האַנדלען.

זאָלען אַלע מיטגלידער פון דער קלאָוק, סקוירט און ריפערמאַכער יוניאָן קומען צום שטימקאַסטען מאָנטאָג, דינסטאָג און מיטוואָך און זאָגען זייער וואָרט. די זאַך איז זעהר ערנסט, און קיין מיטגליד טאָר זיך ניט צוריקהאַלטען פון קומען אַרויסזאָגען זיין, אָדער איהר וואָרט. זאָל דער רעפערענדום וואוט זיין וואָס גרעסער! וואָס מעהר מיטגלידער עס וועלען זיך באַטייליגען אין דער אָפּשטימונג, אַלץ אַ גרעסערע געוויכט וועט האָבען דער ענטפער, וועלכען די אַרבייטער וועלען געבען די באַלעבאַטים דורך דער רעפערענדום אָפּשטימונג.

פיהרען שטיק-אַרבייט, פאַרקלענערען די שכירות און פאַרלענגערען די אַרבייטס-צייט, אָהן אפילו וועגען דעם עפּעס אַ פרעג צו טאָן ביי די אַרבייטער אין דער אינדוסטריע. די דעלעגאַטען פון דזשאָינט באָארד זיינען געווען שטאַרק ענטרוסטעט איבער דער דאָזיגער האַנדלונג פון דער „פּראָטעקטיוו אַסס'ן" און מען קען אַנגעהמען, דאָס די זעלבע ענטריסטונג איז אויך פאַראַן ביי אַלע קלאָוקמאַכער אין די שעפער.

און די גרויסע מאַסע קלאָוקמאַכער וועט געבען דעם ענטפער צו די באַלעבאַטים דורך דעם רעפערענדום וואוט.

דער טשערמאַן פון דזשאָינט באָארד האָט געעפענט דעם מיטינג, אויפ'ן זעלבען שטייגער ווי ער עפענט אַלע מיטינגען פון דער קערפערשאַפט. עס האָט זיך אָבער באַלד געפיהלט, אַז דער מיטינג איז אַן אויסערגעוועהנליכער. דאָס האָט זיך גלייך דערפיהלט, ווען סעקרעטער לאַנגער האָט אָפּגעגעבען אַ קורצען באַריכט פון דער „עמוירדזשענסי קאָמיטע", וואָס האָט געמיטעט פרייטאָג, דעם גאַנצען טאָג, אין אָפיס פון אונזער אינטערנעשאָנאַל. די „עמוירדזשענסי קאָמיטע" איז באַשטאַנען פון די גענעראַל בעאַמטע

(שלוס אויף זייט 2).

שטימען וועט מען קאָנען אין די פאָלגענדע פלעצער:

אין די אָפיסעס פון דזשאָינט באָארד: 40 איסט 23טע סטריט; 35 2טע עוועניו; 114 לעקסינגטאָן עוועניו, האַרלעם אָפיס; 99 מעקיבען סט., ברוקלין אָפיס; 219 סעקמאַן סט., בראַנזוויל אָפיס; 76 מאָנטגאָמערי סט., דזשוירזי סיטי אָפיס; און אין 105 מאָנטגאָמערי סט., נוארק.

אין די פאָלגענדע לאָקאַל אָפיסעס: לאָקאַל 1, 100 וועסט 21טע סטריט; אין די אָפיסעס פון די לאָקאַלס 10, 23 און 48, 231 איסט 14טע סט.; אין די אָפיסעס פון די לאָקאַלס 9 און 35, קאָרנער 2טע עוועניו און 14טע סט.; אין אָפיס פון לאָקאַל 17, 144 2טע עוועניו.

קלאָוק מאַנופעקטשורערס פון שיקאַגאָ און סט. לואיס ניבען אויך אַרויס אַ „אוקאַז"

פּרעזידענט שלעזינגער פאָרט אין די וועסט

די קלאָוק מאַנופעקטשורערס פון שיקאַגאָ און סט. לואיס טוען נאָך די „פּראָטעקטיוו אַסס'ן" און טוען עס אויפ'ן זעלבינען שטייגער.

וועגען דער אַנגעלעגענהייט האָט פּרעזידענט שלעזינגער די וואָך באַקומען צוויי טעלעגראַמען, פון שיקאַגאָ און פון סט. לואיס. די טעלעגראַמע פון סט. לואיס קומט פון ברודער גילבערט, דער מענעדזשער פון סט. לואיס דזשאָינט באָארד פון די קלאָוקמאַכער יוניאָן. די טעלעגראַמע לויטעט:

„אונזערע מאַנופעקטשורער פאָרנעמען זיך איינצופיהרען שטיק-אַרבייט דעם 14טען נאָוועמבער. מיר האָבען געהאַט אַ ספּעשעל מיטינג פון אונזער עקזעקוטיוו באָארד און עס איז באַשלאָסען געוואָרען צו רופען אַ גענעראַל סטרייק די מינוט וואָס זיי וועלען פּראָקלאַמירען שטיק-אַרבייט."

די טעלעגראַמע פון שיקאַגאָ איז פון וויים-פּרעזידענט ה. סקולמאַן, דער מענעדזשער פון דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, און לעזט זיך ווי פאָלגט:

„די אַסס'ן פון די קלאָוק באָסעס האָט באַשלאָסען ניט צו האָבען קיינע פאַרהאַנדלונגען מיט דער יוניאָן, סיידען אין די שעפער וועט עטאַבלירט ווערען שטיק-אַרבייט. די יוניאָן איז גרייט צו געבען די באָסעס דעם גרעסטען ווידערשטאַנד."

פּרעזידענט שלעזינגער פאָהרט אין שיקאַגאָ די ענדע פון דער וואָך און ער וועט זעהען וואָס דאַרטען טוט זיך. זייענדיג אין שיקאַגאָ וועט ער זיך דאָרט אויך טרעפען מיט פאַרטרעטער פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן אין סט. לואיס און ער וועט האָבען באַראַטונגען וואָס עס דאַרף דאָרט געטאָן ווערען אונטער די אומשטענדען.

אינהאַלט-פאַרצייכנים

„גערעכטיגקייט" נומער 45.

זייט 2. די וואָך. — מאַקס ד. דעניש.
זייט 3. לעבען און טעטיגקייט אין די אָפיסעס פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. — ל. פינקעלשטיין.
זייט 4. נאָטיצען פון עדיוקיישאָנאַל דעפּאַרטמענט. צוויי מיטינגען פון עקז. ב. לאָקאַל 60. — מ. שעכטער.
זייט 5. דער קאָנפערענץ פון דער קליוולאַנד קלאָוקמאַכער יוניאָן מיט דער מאַנופעקטשורערס אַסס'ן. — טשאַרלס קריינדלער. עקז. ב. מיטינג פון לאָק. 25. — טשאַרלס דזשייקאָבסאָן.
זייט 6. די פעדעראַציע פון קליידער אַרבייטער אין פראַנקרייך. — וואַן דער העיג. אַ בריף אין רעדאַקציע. — מ. צינקין. ווייסט און דרעס שעפער קוויטירונגען.
זייט 7. עניגים פון דער אינטערנעשאָנאַל אין דער פּרעסע. — אַ סטעף רעפּאָרטער.
זייט 8. פּראָטעקטיוו קלאָוק מאַנופעקטשורערס נאָגלען זיך אליין צו צום שאַנד-קלאָץ.
זייט 9. קאַרל האַפּסבורג'ס חשק און זיין דורכפאַל. — נ. טאַביאַס.
זייט 10. די גרויסע דעבאַטע. — דזש. העללער. פינקעלדיגער הימעל (געדיכט). — מ. פערעלמוטער.
זייט 11. אַ באַקאַנטשאַפט מיט זיך אליין. — דר. דובאָווסקי. די וואַזאָנעס. — אברהם רייזין.
זייט 12. קורצע שמועסען.
זייט 13, 14 און 15 — אַדווערטייזמענטס.
זייט 16. פילאַדעלפיער ווייסטמאַכער האָבען ווידער אַ זיג. — י. ש. פּרענאָוויץ.

דער מיטינג פון דזשאָינט באָארד פון די קלאָוק מאַכער יוניאָן לעצטען שבת אָוועגט איז געווען אַ היסטאָרישער, איינע פון די פייערליכסטע פאַרזאַמלונגען וואָס דער דזשאָינט באָארד האָט געהאַט אין פאַרלויף פון זיין עקזיסטענץ.

עס איז שוין ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס דער שרייבער פון די שורות האָט ביינעוואוינט אַ מיטינג פון דעם דזשאָינט באָארד ערב אַ מלחמה מיט די מאַנופעקטשורערס, אין דער צייט פון אַ מאָביליזאַציע, און אין זכרון זיינען נאָך פריש די בילדער פון יענע קריגס-באַראַטונגען. און מען קאָן גאַנץ באַשטימט זאָגען, דאָס קיין מאָל פריהער האָט זיך אויף אַזעלכע מיטינגען ניט געפיהלט אַזאַ מין זיכערקייט, אַזאַ פעסטקייט און אַזאַ א י נ י ג ק י י ט אין די אייגענע רייהען, ווי אויף דעם מערקווירדיגען, היסטאָרישען מיטינג פון דזשאָינט באָארד לעצטען שבת אָוועגט! אויב עס איז אפשר פריהער געווען אין דער יוניאָן געוויסע מיינונגס-פאַרשידענהייטען וועגען מאַנכע יוניאָן פּראָבלעמען, איז עס איצטער אָפּגעווישט, איז עס איצטער מעהר ניטאָ. איצטער איז די גרויסע מאַסע קלאָוקמאַכער פעסט, סאָליד, און אייניג, און איז גרייט אָפּצושטויסען אַלע אַטאַקעס פון זייערע באַלעבאַטים.

די דעלעגאַטען צו דעם דזשאָינט באָארד זיינען די פאַרשטעהער פון די פופציג טויזענד אָרגאַניזירטע קלאָוקמאַכער פון ניו יאָרק און אומגעגענד. זיי זיינען ניט קיין באַצאָהלטע בעאַמטע, זיי אַרבייטען אין די שעפער זייט ביי-זייט מיט דער „רענק און פייל", און ווען זיי קומען זיך צונויף אויף אַ מיטינג, האָט איהר דעם סענטימענט פון שאַפּ; פיהלט איהר די שטימונג פון די מאַסען. אויב זיי זיינען באַגייסטערט און קאַמפּס-לוסטיג, טו זייט וויסען, אַז דאָס איז די באַגייסטערונג און די קאַמפּסלוסטיגקייט פון דער גרויסער מיטגלידערשאַפט פון דער יוניאָן. און איהר האָט געדאַרפט בלויז אַריינקוקען אין די אויגען פון די דעלעגאַטען צום דזשאָינט באָארד לעצטען שבת אָוענט, וואָלט איהר שוין וויסען גאַנץ קלאָר, וואָס די גרויסע מאַסע קלאָוקמאַכער דענקט וועגען דעם חוצפה'דיגען אולטימאַטום פון דער „פּראָטעקטיוו אַסאָסיאיישאָן", דעם „בית פּאַסעמו" זייערען — ווי פּרעזידענט שלעזינגער רופט עס אָן — זייער אויטאָקראַטישע האַנדלונג, איינצו-

---

אַרבייטער, טוט אייער פליכט אין טאָג פון עלעקשאָן!

די קלאָוקמאַכער פון ניו יאָרק זיינען גאַנץ און פול מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין דעם וואַהל-קאַמף. דער דזשאָינט באָארד פון די קלאָוקמאַכער יוניאָן האָט געשטיצט דעם קאַמפּיין פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פינאַנציעל און עס איז געשאַפען געוואָרען אַ ספּעציעלע „קלאָוקמאַכער קאַמפּיין-קאָמיטע" פאַר אָט דער אַרבייט, און די בעאַמטע פון דער יוניאָן האָבען אַדרעסירט אַ סך מיטינגען.

דינסטאָג אָוענט, דעם 25טען אָקטאָבער, האָט די קלאָוקמאַכער קאַמפּיין קאָמיטע איינגערופען אין האַרלעם אַ ספּעציעלען ראַטיפיקיישאָן מיטינג, וועלכער איז אַדרעסירט געוואָרען פון פּרעזידענט שלעזינגער, פון ברודער י. פיינבערג און פון ברודער סאָל מעטץ.

דער אַלדערמאַן-קאַנדידאַט אויפ'ן סאָציאַליסטישען טיקעט אין יענעם דיסטריקט (דער 20טער) איז ברודער בערנאַרד שוב, דער סעקרעטער פון אונזער סקוירט און דרעסמאַכער יוניאָן, לאָקאַל 23, און די קלאָקמאַכער זיינען באַזונדערס אויפגעפאָדערט געוואָרען צו העלפען איהם ערוועהלען. דער מיטינג אין האַרלעם איז געווען אַ גרויסער ערפאָלג.

רעדענדיג פון „אייגענע" מענשען אויף דעם סאָציאַליסטישען טיקעט ווילען מיר דערמאָנען, דאָס מיר האָבען נאָך אַן אייגענעם מענש אויף דעם טיקעט, דאָס איז גענאָסע אברהם טובים, דער אַסעמבלימען קאַנדידאַט אין 4טען דיסטריקט. גענ. אב. טובים איז דער מענעדזשער פון פּאָבליקיישאָן דעפּאַרטמענט פון אונזער אינטערנעשאָנאַל. ער איז אַ גאַנץ

(שלוס אויף זייט 16).

פילאדעלפיער וויסט און דרעס מאנופעקטשורערס האבען א נידערלאגע אין קאורט

זיי קריגען ניט קיין אינדזשאנקשאן נאך וועלכען זיי האבען אזוי געחלש׳ט. קארט בילדער, סצענקעס און איינדריקע.

די וויסט און דרעס מאנופעקטשורערס ליכטענשטיין און רייכלין, און די וואסעקא קאמפאניע, וועלכע זיינען געווען פון די ערשטע זיך צו ווענדען אין קארט פאר אן אינדזשאנקשאן, זיינען געבליבען שטארק ענטוישט. זיי האבען געבעטען פארלאנגט אן אינדזשאנקשאן געגען פיקעטען זייערע שעפער, אבער, זייערע האפנונגען צו קאנען דורך אן אינדזשאנקשאן פארניכטען די יוניאן, און נאכהער איינפיהרען אפען שאפ, צאהלען א הונגער לוין און מאכען די ארבייטער ארבייטען לאנגע שטונדען, האבען זיך אויסגעלאזען מיט גארניט, ווייל דזשאדזש פינלעטער, פאר וועמען די קייס איז פארגעקומען, האט ערקלעהרט, אז פיקעטען איז געזעצליך; אז ארבייטער מעגען אפעלירען צו די יעניגע וועלכע ארבייטען אין די שעפער אין א צייט פון סטרייק, אז זיי זאלען זיך אנשליסען אן דער יוניאן.

ניט געזעצליך איז צו פארבלאקירען די סיידוואקס און די גאסען, ארומרינגלען די שעפער אזוי, אז מען זאל צו זיי ניט קאנען צוקומען; עס איז ניט געזעצליך צו באלעסטיגען די ארבייטער וועלכע ארבייטען אין די שעפער און מען טאר ניט געברויכען קיין געוואלד געגען זיי.

דיזער געזעץ האט שוין לאנג עקזיסטירט און דער דזשאדזש האט בלויז דעם געזעץ ערקלעהרט.

די וויסט און דרעסמייקערס יוניאן האט געוואוסט פון דעם געזעץ און יעדער ארבייטער פון טרייד האט דעם געזעץ געוואוסט און — זיי האבען איהם אויך אפגעהיט, ווייל די יוניאן און יעדער ארבייטער ווייסען אז געזעצלעכקייט קאן מער שאדען דער יוניאן ווי גוטעס טאן.

אבער פיקעטען מעג מען. רעדען אויף א פרידליכען אופן צו די יעניגע וועלכע ארבייטען אין די שעפער וואו מען האלט אין סטרייקען, מעג מען, און זייערע שעפער וועלען געפיקעט ווערען, און די באסעס וועלען ענדליך מוזען קומען צום באשלוס אז דאס בעסטע פאר זיי וועט זיין אונטערצושרייבען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן ווי אזוי די יוניאן וויל.

די וויסט און דרעס מייקערס יוניאן, ווי מען קאן זעהען, האט געהאט איהר ערשטען גרויסען זיג געגען דיזע מאנופעקטשורערס און עס איז צו ערווארטען אז זי וועט אויך האבען אנדערע זיגען, ווייל די גערעכטיגקייט איז אויף איהר זייט, און טראץ דעם, וואס ניט אלע מאל זיגט די גערעכטיגקייט, קאן מען דאך האפען אז דער דזשאדזש וועט אויך קיין אנדערע אינדזשאנקשאנס, ווי די באסעס ווילען, ניט ארויסגעבען.

ווי שוין באקאנט, האט די וויסט און דרעס מאנופעקטשורערס אססאסיאיישאן, אלס א גאנצע, זיך אויך געווענדעט אין קארט פאר אן אינדזשאנקשאן געגען דער וויסט און דרעס מייקערס יוניאן אז זי זאל קיין רעכט ניט האבען צו שיקען קיין סטרייקערס פיקעטען די שעפער פון אלע איהרע מעמבערס. עס קוקט אויס, אז די אסס׳ן האט געפיהלט אז די אויבענדערמאהנטע מאנופעקטשורערס וועלען קיין אינדזשאנקשאן ניט קריגען און זי האט זיך עס פארבעריטעט ווייטער צו קעמפען געגען דער יוניאן. צוויי פארהערען זיינען שוין געווען וועגען דיזען אינדזשאנקשאן פארלאנג. עס זיינען אויסגעהערט געווארען עדות פון ביידע צדדים. אין דער צייט אבער ווען איך שרייב דיזע צייל-לען איז ניט מעגליך צו וויסען דעם רעזולטאט; דער דזשאדזש האט נאך זיין ענטשיידונג ניט ארויסגעגעבען. עס קוקט אבער אויס אז די באסעס וועלען אויך דיזען מאל ניט קריגען וואס זיי האבען געוואלט און וואס זיי חלש׳ן צו קריגען, ווייל די באווייזע וועלכע די באסעס האבען געבראכט האבען נאך ווייניגער באדייטונג ווי די ערשטע באווייזע, ה. ח. די באווייזע, וועלכע זיינען פון זייערע עדות געגעבען געווארען ווערהרענד די פארהערען פון דער ערשטער אינדזשאנקשאן קייס.

איך האב שוין ביינוואהנט איינדזשאנקשאן קייסעס, אבער קיינע פון יענע האט אויף מיר ניט געמאכט אזא מאכטיגען איינדרוק ווי די אינדזשאנקשאן פארהערען וועלכע זיינען אויבען דערמאהנט. איך האב געפיהלט ווי צו בענשען און צו שילטען; ווי צו ווערען פריהליך און ווי צו ווערען אויפגערעגט; ווי צו זיין רחמנות־דיג און ווי צו ווערען הארצלאז...

ביי יעדען פארהער אין קארט זיינען געווען פיל מענשען פון ביידע צדדים. עס זיינען דארטען געווען מאנופעקטשורערס מיט זייערע לאיערס, עדות און אזוי אייגענע מענשען. דארטען זיינען אויך געווען פארשטעהער פון דער יוניאן, מעמבערס פון דער יוניאן וועלכע זיינען געקומען עדות זאגען, זייער לאיער און זייערע פריינד. די יוניאן לייטע און זייערע פריינד זיינען געזעסען מהאטען אין איין

פון י. ש. פרענאוויץ

טייל קארט און די באסעס מיט זייערע עדות און אייגענע מענשען וועלכע זיינען געקומען אלס צושויער, זיינען געזעסען אויף אן אנדער זייט אין קארט. ביי א גרויסען טיש זיינען געזעסען די לאיערס פון ביידע צדדים, און דער קאמף איז אנגעגאנגען.

איך האב באטראכט די לאגערען פון ביידע צדדים און פאר מיר איז ערשינען א בילד וועלכער האט מיט זיך פארגעשטעלט די טראגעדיע פון דער היינטיגער געזעל-שאפט און איהר פארפוילטקייט.

אט זיינען די מענשען וועלכע האבען די מאכט אין זייערע הענט. זיי זיינען רייך, זיי זיינען גליקליך; זיי געניסען אלע פארגעניגענס פון לעבען; זיי וואוינען אין רייכע היימען און באדען זיך אין לוקסוס און אין פרייד, אבער, זיי זיינען נאך ניט צופרידען מיט דאס וואס זיי האבען; זיי ווילען נאך מעהר; זיי ווילען נאך ווערען רייכער און זיי ווילען ווערען נאך שטאר-קער און מעכטיגער, געברויכענדיג זאגאר די העסליכסטע מעטאדען זייער ציל צו ערדייכען.

און אט זיצען אנדערע מענשען. ארי-מע און עלענדע מענשען. זייער יוגענד איז פארוועלקט געווארען פאר דער צייט ארבייטענדיג ביי די מאשינען לאנגע שטונדען און פילע יאהרען. מאנכע פון זיי זיינען אין די מאשינען איינגעשפאנט געווארען ווען זיי זיינען נאך גאר קינדער געווען, און — זיי האבען אזוי פיל יאהרען געזיפצט און אזוי פיל מאל געוויינט, און הייסע, זודיגע טרעהרען פארגאסען.

ארים זיינען זייערע היימען, און זעהר ווענינג שטראהלען פון לעבען דרינגען אריין אין זייערע הערצער.

איך באטראכט אט דיזע קינדער פון עלענד און נויט, און אין די פנים׳ער פון מאנכע דערקאן איך דעם אומעט אין זיי-ערע נשמות, די וועהטאגען אין זייערע הערצער. אנדערע זיינען אזוי מיד און אויסגעמאטערט, ווייל ארבייטען יאהרען לאנג ביי אייזערנע מאשינען, אין שטענ-דיגען רויש און טומעל, מוז מען מיד ווע-רען, מוז מען ווערען אויסגעמאטערט, און זייערע בליקען רופען ארויס אזוי פיל גע-דאנקען און געפיהלען...

צוויי לאגערען!...

די רייכע און די גליקליכע פיהרען און א קאמף געגען די ארימע און אומגליק-ליכע. זיי ווילען ווערען רייכער און זאט-טער פון די כחות און טרעהרען פון אומ-גליקליכע.

און איך טראכט: ווי מענשליך א טי-גער איז און ווי טיגעריש מענשען זיינען!

א טיגער, זאגט מען, וועט ניט צוריי-סען קיין אנדער טיגער, און ווען ער צו-רייסט יא וועמען, טוט ער דאס נאר דאן ווען ער איז הונגעריג און דאס אויך ניט פון זיין מין.

די מענשען אבער רייסען מענשען ווען זיי זיינען זאט און — זיי רייסען מיטגלי-דער פון זייער אייגענעם מין.

ווי מענשליך א טיגער איז אין פאר-גלייך צו מאנכע מענשען!

איך האב באטראכט דעם ריכטער, וועלכער דארף ארויסגעבען זיין ענטשיי-דונג אויב די רייכע זאלען האבען דאס רעכט צו ווערען נאך רייכער אויף דעם חשבון פון די ארימע... דאכט זיך אזוי איינפאך; די רייכע ווילען נאך מעהר מאכט, נאך מעהר רייכטום, נאך מעהר לוקסוס.

די ארימע ווילען אז מען זאל פון זיי דאס לעצטע שטיקעל ברויט ניט אוועק-נעהמען, ווייל זיי האבען שוין אזוי אויך ווענינג ברויט צו לעבען... ווער איז גע-רעכט? ווי אזוי דארף דער ריכטער גע-בען זיין אורטייל? דאכט זיך אזוי איינ-פאך!

און דאך ציטערט דאס הארץ פאר א גזר געגען די ארימע...

* * *

מען רופט עדות אויפ׳ן וויטנעס סטענד.

עס קומט ארויף א יונגע מיידעל. דער לאיער פרעגט איהר נאמען. זי זאגט; ער פרעגט וואו זי וואהנט און זי זאגט — אין א געסעל וועלכע איז אזוי טרויעריג ווי דער מזל פון דאס מיידעל... ער פרעגט איהר ווי אלט זי איז, און זי זאגט איהם; זי איז 22 יאהר אלט. ער פרעגט איהר ווי לאנג זי ארבייט שוין ביי דעם באס נעבען וועמען זי סטרייקט, און זי זאגט איהם אז זי ארבייט דארטען זיבען מיט א האלב יאהר. דאס הייסט, ווען זי איז פערצעהן און א האלב יאהר אלט געווען האט זי שוין אנגעהויבען צו ארבייטען אין שאפ, און דארטען האט זי א טייל פון איהר קינדהייט פארבראכט; דארטען האט איהר קינדהייט אנגעהויבען וועלקען און די יוגענד איהרע וועלקט דארטען אויך, זיפצט דארטען אויך, און וויינט דארטען אויך...

דער לאיער פרעגט איהר פראגען און זי ענטפערט. זי דערצעהלט: זי האט גע-פיקעט דעם שאפ און פאליסלייט זיינען איהר באפאלען, האבען איהר געשלאגען, ארעסטירט און אין סטיישאן הויז גע-בראכט פאר גארניט... פשוט פאר גארניט; בלויז דערפאר ווייל זי איז געגאנגען אויפ׳ן סיידוואק.

קומט ארויף א צווייטע מיידעל אויפ׳ן וויטנעס סטענד און דער לאיער פרעגט איהר נאמען, וואו זי וואהנט און ווי אלט זי איז. זי זאגט איהם און זי זאגט איהם אויך אז זי איז אלט זיבען און צוואנציג יאהר.

און ער פרעגט איר ווי לאנג זי ארבייט אין דעם שאפ פון דעם באס געגען וועמען זי סטרייקט. זי זאגט אז זי ארבייט שוין דארטען פערצעהן יאהר...

נעהמט ארונטער פערצעהן פון זיבען און צוואנציג, וועט איהר אויסגעפינען אז דאס מיידעל האט אנגעפאנגען ארבייטען ביי דעם באס ווען זי איז בלויז דרייצעהן יאהר אלט געווען...

אין שאפ האט אנגעהויבען איהר קינד-הייט צו וועלקען און דארטען וועלקט אויך איהר יוגענד...

און זי דערצעהלט ווי אזוי מען האט איהר באלידיגט, געטריבען פון שאפ נע-בען וועלכען זי האט געפיקעט — פון שאפ וואו איהר באס איז רייך געווארען פון איהר ארבייט, פון איהרע וועהטאגען און טרעהרען... ווילסט ארבייטען פאר א הונגער לוין, איז גוט, ווען ניט — געה צום טייפעל... זאגט דער באס.

און פילע, פילע אזעלכע און עהנליכע עדות זיינען געבראכט געווארען אויפ׳ן סטענד, און זיי האבען געשילדערט די טראגעדיע פון דעם ארבייטער׳ס לעבען, און פון די ברוטאליטעט פון די יעניגע, וועלכע האבען איבער דעם ארבייטער׳ס לעבען צו זאגען... זיי האבען געמאלען אזעלכע גרויזאמע, אזעלכע שרעקליכע בילדער.

און די הערצער פון די באסעס זיינען ניט גערירט געווארען און זייערע נשמות האבען קיין ציטער ניט געגעבען...

ווי גליקליך מען מוז עס זיין ווען מען קאן אזעלכע הערצער און נשמות האבען...

וואלט איך געווען איינער פון די מא-נופעקטשורערס וועלכע האבען זיך אין קארט געפונען אין דער צייט ווען די אינ-דזשאנקשאן פארהערען זיינען אנגעגאנגען, וואלט איך זיך שטארק געשעהמט. איך ווייס אבער ניט אויב די באסעס זיי-נען פון שאנדע רויט געווארען.

די וויסט און דרעס מייקערס יוניאן איז א אידישע ארגאניזאציאן. דארטען זיינען אויך דא א סך קריסטען, אבער אין פארגלייך צו די אידישע מעמבערס זיינען זיי קליין אין צאהל. די וויסט און דרעס מאנופעקטשורערס זיינען אידען און זיי-ערע לאיערס זיינען אויך אידען.

דער לאיער פון דער יוניאן איז א קריסט און ער הייבט אן צו שילדערען די גוטע ארבייט וועלכע די יוניאן טוט אויף ניט בלויז איז זי פאראינטערעסירט אין פארבעסערען די לאגע פון די ארבייטער אין עקאנאמישען הינזיכט, זאגדערען, זי זארגט אויך פאר די גייסטיגע ערציהונג פון די ארבייטער און פאר זייער אלגע-מיינע בעקוועמליכקייט. די יוניאן, זאגט דער לאיער, האט געשאפען א זומער היים פאר די מעמבערס איהרע וואו זיי זאלען קאנען פארברייגגען זייערע וואקיישאנס אויף דעם אנגענעהמסטען אופן; זי האט א קאאפעראטיוו רעסטאראנט געקויפט פאר זיי וואו זיי זאלען קאנען קריגען גע-זונטע שפייז; די יוניאן האט אין די ווינ-טער סעזאנען ארגאנדזשירט קאנצערטען פאר איהרע מעמבערס און די קאנצער-טיסטען זיינען געווען וועלט בארימטע קינסטלער; די יוניאן האט גענומען טע-אטער פארשטעלונגען פאר איהרע מעמ-בערס און די בעסטע פיעסען זיינען דאר-טען געשפילט געווארען; די יוניאן האט א מאנדאלין ארקעסטער, א לייברערי, א. אז. וו., זי טוט בילדונגס ארבייט, זי ענט-וויקעלט די ארבייטער גייסטיג...

און אזוי שנעל ווי דער לאיער פון דער יוניאן, דער קריסטליכער לאיער, האט געענדיגט, איז אויפגעשפרונגען א אידי-שער לאיער פון די אידישע מאנופעקטשו-רערס, און האט געזאגט אויף א אידישע ארבייטער ארגאניזאציאן אז דיזע אידי-שע ארבייטער ארגאניזאציאן פארשפרייט מיט איהר עדיוקיישאנאל ארבייט, דעם ראדיקאליזם און באלשעוויזם... א מסירה-לע, כדי אפצושוואכען דעם גוטען איינדרוק וואס דעם לאיער׳ס ווערטער האבען גע-מאכט וועגען די גוטע ארבייט פון דער יוניאן.

און אט איז נאך א מעשה׳לע:

א קריסטליכע פרוי, א סטרייק ברע-כערין, קומט ארויף אויפ׳ן וויטנעס סטענד פאר די באסעס, און דער לאיער פון דער יוניאן נעהמט איהר אויפ׳ן קרייץ פאר-הער נאכדעם ווי זי האט דערצעהלט ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע זאכען.

זאגט זי צום לאיער פון דער יוניאן אויף א זעהר דראמאטישען אופן אז איהר וואונדערט שטארק וואָרום ער פארטיידיגט אויסלענדער, וועלכע האבען קיין פארטיי-דיגונג ניט פארדינט...

עלזא; די מאנופעקטשורערס זיינען כמעט אלע „אויסלענדער" און די „גרינ-קייט" ליגט זיי אויף די פנים׳ער, און א סך פון זיי קאנען זאגאר דעם ענגלישען לשון ניט ריכטיג... די לאיערס פון די מאנופעקטשורערס האבען טאטעס און מא-מעס וועלכע קומען פון „אויסלאנד"... און א סך פון די סטרייקברעכער וועלכע הא-בען עדות געזאגט פאר די מאנופעקטשו-רערס זיינען אויך געווען אמאל גרינע חיות...

אמת, געמיינט האט די סטרייק ברע-כערקע צו שעדיגען די סטרייקערס, אבער זי האט געטראפען, אדער זי האט דער-מיט געדראפט טרעפען די לאיערס און כמעט אלע מאנופעקטשורערס, און די סטרייק ברעכער וועלכע זיינען „אויסלענ-דישע" אידען...

ווען איך וואלט געווען א מאנופעק-טשורער וואלט איך זיך זיכער געשעהמט הערענדיג אזעלכע ווערטער פון „אן איי-גענעם מענשען", אבער, האבען די מא-נופעקטשורערס זיך געשעהמט? שווער צו זאגען, אבער ווער געטאן האט זיי גע-דארפט...

דער יוניטי קאנצערט אין קארנעגיע האל דעם פרייטאג אווענט

(שלוס פון זייט 1)

זאלען די מיטגלידער פון אונזערע לא-קאלס, באזונדערס די וואס זיינען געווען אין די יוניטי הויז און דארט פארבראכט זייער וואקיישאן, ניט פארפעהלען צו זיין אין קארנעגי האל צו דעם רייכען קאנ-צערט. דער קאנצערט וועט געוויס זיין א גרויסארטיגער. זאל קארנעגי האל פרייטאג אווענט זיין געפאקט!

די יוניטי הויז האט א סך פריינט, זאלען נאר די אלע פריינט קומען צום קאנצערט אין קארנעגי האל. און זאלען די פריינט מיטברייגגען מיט זיך נאך פריינט, נייע פריינט.

אויב איהר האט נאך ניט קיין טי-קעטס וועט איהר עס קאנען באקומען היינט, פרייטאג אווענט, אין באקס אפיס פון קארנעגי האל.

אלע פריינט פון די יוניטי הויז וועלען זיך דארט טרעפען!

עס וועט זיין אן אמת׳ער יוניטי אווענט. פארפעהלט ניט צו זיין דארט.

קלאוקמאכער אויפמערקזאם!

אין איינקלאנג מיט אונזער אגרימענט מוז יעדער ארביי-טער פון טרייד קריגען זיין „פעי" אין קעש.

דערום פאדערען מיר אייך אויף ניט צו נעמען קיינע טשעקס פון אייערע בעל־הבתים, און מיט דעם וועט איהר פארמיידען פיעל טראבעל פאר אייך און דער יוניאן.

מיט גרוס,

דזש. באארד קלאוק און סקירט מאכער יוניאן

ל. לאנגער, סעקרעטער.